Hakiryah
# הקריה
אייר סיון תשע"ב לפ"ק
בס"ד
134
קרית יואל יצ"ו

# סטעיט סופרים קאורט ריכטער ערקלערט: וואסער פייפליין ארבעט קען ווייטער פארגעזעצט ווערן טראץ סוער קלאגע

**געריכט אנולירט עקזיסטירענדע סוער פארפליכטונג פון די קאונטי - קלאגע אריינגעבן דורך טאון און ווילידזש אוו וואודבארי צו שטערן הרחבת גבולי הקדושה**

אין די פארגאנגענע טעג איז געקומען דער באשלוס פונעם סטעיט סופרים קאורט ריכטער ניקאליי, אז דער התחייבות און פארפליכטונג פון די קאונטי, בנוגע דאס צושטעלן סוער סערוויס פאר אלע איינוואוינער אינערהאלב די קאונטי סוער דיסטריקט, דארף אנולירט ווערן, און ס'וועט מוזן דורכגיין אגעהעריגעגענווייראנמענטאלע איבערזיכט, אבער אין די זעלבע צייט האט דער ריכטער געאורטיילט אז דאס קען נישט אפעקטירן די ארבעט אויף די מאסיווע "קרית יואל וואסער פייפליין" פראיעקט.

*

ווי באקאנט איז מיט ארום צוויי יאר צוריק, אום חודש אדר תש"ע, געקומען צו אן ענדע די לאנג-פארצויגענע קלאגע פון אראנדזש קאונטי קעגן דעם קרית יואל וואסער פייפליין.

די קלאגע פון די קאונטי קעגן דעם ווילידזש איז געווען, אז דער פייפליין איז נישט אויסגעהאלטן וויבאלד דאס וועט ברענגען א פלוס פון פרישע דירות אין קרית יואל, וואס דער עקזיסטירנדער סוער סיסטעם קען דאס נישט דערהייבן.

אין די זעלבע צייט האט די קאונטי געענדיגט בויען א נייע פליגל צום סוער פלענט אין הערימאן וואס קען באהאנדלען פרישע 2 מיליאן גאלאן סוער, און זיי האבן פארקויפט א חלק דערפון פאר די "מודנע" קאמיוניטיס (וואס נעמט אויך אריין וואודבארי).

די שטאט קרית יואל איז דאן געצווינגען געווארן צו גיין אין געריכט מיט א קאנטער קלאגע קעגן די קאונטי, מיט א שטארקע טענה: ממה נפשך. אויב

(פארזעצונג אויף זייט 29)

# בוי-ארבעט אויף גיגאנטישן "צל תומר" אודיטאריום געביידע גייט אריין אין פולן קראפט

אין די יעצטיגע טעג ווערט פארענדיגט די ארבעט פון אויסגראדן און צוגרייטן דעם שטח פאר'ן נייעם "צל תומר" אודיטאריום געביידע וואס ווערט געבויעט אלס דער זיבעטע בנין אינעם "בית רחל קאמפלעקס" אויף בעיקערטאון ראוד.

ווי שוין געמאלדן אינעם פארגאנגענהייט, ווערט געבויעט א נייע גרויסארטיגע געביידע פון עטליכע צענדליג-טויזענט סקווער פיס, וואס וועט דינען סיי אלס אן אודיטאריום פאר די "בית רחל" דורכצופירן גרעסערע שפילן וכדומה, אן עס-זאל פאר די מיידלעך, ווי אויך אלס אן היכל פאר שמחות בחצר הקודש בבית רבינו שליט"א.

א צייט צוריק איז שוין פארגעקומען דער מעמד "הנחת אבן הפינה" פאר דעם געביידע בהשתתפות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א. אבער למעשה ווען ס'איז געקומען אנצוהייבן מיט די בוי-ארבעט האט מען זיך אנגעשטויסן אין אן ערנסטן פראבלעם, זעענדיג אז אויף דעם שטח אונטער דער ערד לויפן אדורך "סוער מעין פייפס" און מ'קען נישט סתם אזוי אויסגראבן און גיסן א פונדאמענט.

דער מנצח על מלאכת הקודש, דער לאנג-יעריגער עוסק במלאכת הבני' פון די מוסדות הק', הרה"ח ר' אביגדור ראזענבערג הי"ו, איז דערפאר געזיצן אויף מיטינגען מיט גרויסע אינזשענירן, און במשך חדשים לאנג האט מען פרובירט אויפצוקומען מיט א לעזונג צום פראבלעם. נאך לאנגע און שווערע שעה'ן ארבעט און מחשבה וואס מ'האט אריינגעלייגט אין דעם פראבלעם, איז מען אויפגעקומען מיט א רעלאטיוון מהלך אויפן גרינגסטן און ביליגסטן אופן וואס שייך, וויאזוי צו פארקירעווען

(פארזעצונג אויף זייט 19)

**יערליכע מעלדונג...**

# קיין טעקס העכערונג אין היי יאריגן ווילידזש בודזשעט

**יערליכער טעקס ביל ווערט ארויסגעשיקט - ווילידזש אפעלירט צו צאלן צייטליך כדי אויסצומיידן פענעלטיס**

ווידעראמאל זענען די איינוואוינער צופרידן צו הערן די "יערליכע מעלדונג", אז דער יערליכער בודזשעט פון קרית יואל ווילעדזש איז באשטעטיגט געווארן, "אן קיין שטייער העכערונג".

יעדעס הויז אין קרית יואל ווערט געשאצט דורכ'ן "טאון אסעסער", וואס קומט אראפ נאכ'ן פארטיגן בויען דאס הויז, און פירט דורך א שאצונג אויפ'ן הויז וויפיל עס איז די ווערד דערפון, און לויט די שאצונג פון די טאון ווערט אויך גערעכנט די ווערד פון יעדן פראפערטי לגבי די אנדערע טעקסעס ווי די קאונטי טעקס און די ווילידזש און סקול טעקסעס.

היי יאר - פונקט ווי אין די פארגאנגענע יארן - וועלן קרית יואל איינוואוינער צאלן די זעלבע ווילידזש טעקס, בלויז צוליב דעם פאזיטיוון באשלוס פון די הנהלת הווילידזש נישט צו העכערן די טעקסעס, זייענדיג די איינציגסטע מוניציפאלע רעגירונג אין גאנצן ראיאן, וואס האט שוין אזויפיל יאר נישט געהעכערט די פראפערטי שטייערן.

דאס איז א שטארקע פאליסי פונעם מעיאר הרה"ח ר' אברהם ווידער שליט"א, זיך צו רעכענען מיט די געברויכן פון די משפחות אין קרית יואל, וואס רוב דערפון זענען בליעה"ר קינדער-געבענטשטע, ביי וועלכע די הוצאות זענען גרויס און די פרנסות זענען אנגעשטרענגט, דעריבער ווערן געמאכט אלע באמיאונגען נישט צו העכערן די שטייערן.

אין די זעלבע צייט טוט אויך דער ווילידזש אריינלייגן שתדלנות ביי די רעגירונג אינסטאנצן אין אלבאני און אין וואשינגטאן, צו פארלייכטערן דעם לאסט פון די שטייער-צאלער און נוצן פעדעראלע און סטעיט פאנדס פאר די פילצאליגע פראגראמען און פראיעקטן לטובת קרית יואל.

עס איז קלאר, אז דער ווילידזש וואלט זיך גרינגער געספראוועט מיט איר בודזשעט, ווען זי טוט דאס וואס אלע אנדערע רעגירונגען טוען, אז מען העכערט אביסל די שטייערן, דא איז אבער אנדערש די מעשה, וויבאלד דאס מציאות איז אז אידישע קינדער האבן אין זיך אידישע הערצער, און זיי זענען גרייט ענדערש צו נעמען אויף זיך דעם עול פון דעקן דעם בודזשעט דורך אנדערע רעגירונגס קוועלער, ווי איידער פארשווערן דעם מצב פאר די איינוואוינער, ובפרט אין דעם שווערן אלגעמיינעם עקאנאמישן מצב וואס הערשט איבעראל.

במשך די פארגאנגענע חדשים איז מען געזיצן לאנגע שעה'ן און טעג, איבערגייענדיג יעדן דעטאל פונעם יערליכן בודזשעט, נישט וויסנדיג צי מ'וועט קענען אויך היי-יאר צושטעלן פאר די איינוואוינער דעם יערליכן פריוויליגיע פון "נישט העכערן טעקסעס", א זאך וואס קרית יואל האלט אן שוין יארן לאנג און איז א יחיד במינה אין דעם הינזיכט.

אויפ'ן טיש זענען ארויפגעברענגט געווארן פארשידענע אויסגאבן וואס זענען געוואקסן און צוגעקומען במשך דעם פארגאנגענעם יאר, וואס דאס וואלט קלאר פארלאנגט א העכערונג

(פארזעצונג אויף זייט 25)

**ברוך שהחיינו והגיענו לזמן הזה:**

# יציקת היסודות פאר פרישן בנין פון תלמוד תורה גייט אָן אין פולן שוואונג בשעטו"מ

**פונדאמענט ווערט שוין געגאסן בס"ד פאר'ן פראכטפולן פיר-שטאקיגן בנין פאר חינוך הבנים - בנין החדש ווערט אויפגעבויעט אויף ספעציעלע נייע גאס אונטער'ן ביזנעס סענטער - באריםטער בוי-מייסטער הרה"ח ר' אביגדור חנוך הכהן ראזענבערג הי"ו און זיין שטאב אין באגלייטונג פון הנהלת המוסדות אנטשלאסן אהערצושטעלן דעם נייעם בנין אויף שנעלסטע אופן וואס מעגליך בעזה"י צו ערמעגליכן נויטיגע הרחבת הדעת פאר די טויזנטער תשב"ר בליעה"ר**

הרחיבי מקום אהלך! מיט גרויס שמחה דקדושה ווערט אויפגענומען די נייעס, אז די בוי ארבעט פון נייעם גיגאנטישן בנין פאר'ן תלמוד תורה, וואס ווערט אויפגעבויעט אויף א גרויסן שטח אויף בעיקערטאון ראוד, איז שוין אריין אין פולן שוואונג בשעטו"מ.

דער נייער בנין ווערט אויפגעבויעט

(פארזעצונג אויף זייט 21)



די העפטיגע בוי ארבעט ביים שטח פון די נייע תלמוד תורה

# דעת תורה ופסק הלכה

## שהשמיע כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

אצל "ברכת הקודש" מוציו"ט שבועות תשע"ב במעמד אלופי אלפי אנ"ש אנשים נשים וטף

א גוטע וואך, און א געזונטן זומער פארן גאנצן ציבור.

מיר שטייען יעצט מוצאי שבועות, אידן זענען געשטאנען ביים בארג סיני, זיי האבן מקבל געווען די תורה, מ'האט געזאגט נעשה ונשמע מיט א פייער מיט א ברען.

מיר געפונען ביי די פרשה פון קבלת התורה, ויחן שם ישראל, זאגט רש"י כאיש אחד בלב אחד, וואס מיינט בלב אחד?, דער הייליגער באשעפער, ער איז ה' אחד, ער איז אחד יחיד ומיוחד. בלב אחד, אין הארץ פון יעדן איד וואס איז געשטאנען ביים בארג סיני, איז געווען אחד יחיד ומיוחד, איז געווען דער הייליגער באשעפער.

היינטיגע צייטן, נאך אזא לאנגן גלות, אז מ'וויל מ'זאל קענען ווייטער אנהאלטן ס'זאל זיין בלב אחד, אז אין הארץ זאל זיין דער באשעפער, דארף מען טוהן די ריכטיגע פעולות מ'זאל זוכה זיין צו בלב אחד.

די ערשטע זאך איז, **יעדער איד מוז האבן א שיעור און לערנען תורה. יעדער אינגערמאן, יעדער בעה"ב דארף וויסן, יעדן טאג צו לערנען תורה!** אז נישט ווערט מען פאר'גוי'אישט פון די גוי'אישע גאס און ס'מעקט זיך אויס חלילה פון הארץ דער אחד יחיד ומיוחד. דאס איז געזאגט געווארן פאר די בעה"ב און אוודאי און אוודאי פאר די כולל אינגעלייט און פאר די בחורים און די תלמוד תורה קינדער אז זיי זאלן זיצן און עוסק זיין בתורה בהתמדה רבה, ווען נאר מעגליך.

והשנית, "בלב אחד" איז געזאגט געווארן, כה תאמר לבית יעקב, מ'האט געהייסן זאגן דעם בלב אחד פאר די בית יעקב אלו הנשים, אז זיי זאלן זיך פירן מיט יראת שמים מיט צניעות, די בגדים, די צודעק אויפן קאפ, פון קאפ ביז פיס דארף צו זיין מיט צניעות, אויף א צניעות'דיגן אופן. אויב נישט, **ולא יראה בך ערות דבר ושב מאחריך**, קען נישט זיין בלב אחד, ס'זאל זיין אין הארץ דער אחד יחיד ומיוחד, דער איין איינציגער באשעפער.

אסאך איז שוין גערעדט געווארן, מיר האבן שוין כמה פעמים גערעדט פון די גרויסע מכה, דער אומגליק וואס מ'האט געברענגט אויף כלל ישראל, די מכה פון קאמפיוטער'ס. די גרויסע און די קליינע, דאס וואס איז אין שטוב, דאס וואס איז אין אפיס, און דאס וואס איז אין טאש. בלב אחד, אין יעדן אידיש הארץ איז דא דער באשעפער, די כלי איז א טמא'נע כלי, ס'איז מטמטם און ס'איז מטמא דאס הארץ, ס'זאל נישט קענען חלילה זיין בלב אחד, אז אין הארץ זאל זיין דער באשעפער.

### א

מען דארף דאס איבער'חזר'ן, **אין שטוב איז א קאמפיוטער, מיט א פילטער, אן א אינטערנעט, אסור בתכלית האיסור בבל יראה ובל ימצא.**

### ב

דארט וואו מ'ארבעט, היינטיגע צייטן איבעראל איז דא קאמפיוטער'ס, אבער נאר מיט א פילטער! **יעדער פועל, יעדער ארבעטער דארף פאדערן פון זיין בעה"ב, איך וויל א פילטער אויף מיין קאמפיוטער. און יעדער בעה"ב איז מחוייב על פי הלכה - אז נישט איז ער עובר אויף לפני עור לא תתן מכשול - ער איז מחויב על פי הלכה צוצושטעלן א פילטער פאר יעדן איינציגן פועל, א אידישן פועל ביי זיך ווי מ'ארבעט.**

### ג

ווענן די טאשן קאמפיוטער, ס'איז היינט שטארק שכיח טעלעפאנען, און ס'איז פארגעשריטן געווארן אז די טעלעפאנען האבן היינט קאמפיוטער'ס. איך וויל זאגן דא את אשר ישנו פה ואת אשר איננו פה, **קיין שום כולל אינגערמאן, קיין שום מלמד, קיין שום מגיד שיעור, קיין שום שוחט, קיין שום סופר, אדער איינער וואס איז עוסק במלאכת הקודש, טאר נישט האבן א טאשן קאמפיוטער, <u>ס'איז אסור בתכלית האיסור!</u>**

איך וויל אויפפאדערן אלע מנהלים, די מנהלי הכוללים, די מנהלים פון די תלמוד תורה און די מנהלים פון די ישיבות, פון גרויס ביז קליין. מ'גיט פיר וואכן, פאר יעדן איינציגן וואס מען האט דערמאנט, ער זאל איינטוישן דעם טעלעפאן אויב ער האט, ער זאל קומען ווייזן פאר זיין מנהל, וואס פאר א טעלעפאן ער האט, און אז ער האט א כשר'ע טעלעפאן, **אויב שטעלט ער זיך נישט צו, קען ער נישט זיין און ער איז נישט ראוי צו זיין, א כולל אינגערמאן ביי אונז אין כולל, אין איבעראל אין אונזערע מוסדות, צו א מלמד, צו א מגיד שיעור, ער קען נישט זיין קיין שוחט. און איך וויל בעטן ווען איינער באשטעלט תפילין ביי א סופר, זאל ער זאגן איך וויל זען וואס פאר א טעלעפאן דו פארמאגסט, אויב ער פארמאגט.**

### ד

פאר נשים, די עזרת נשים מעגן האבן א טעלעפאן, אבער נאר א טעלעפאן אן א קאמפיוטער, **ס'איז נישטא קיין שום היתר זי זאל האבן א קאמפיוטער טעלעפאן.**

### ה

בעלי בתים און אברכים **וואס דארפן עס נישט האבן פאר די פרנסה, דארפן איינטוישן זייערע טעלעפאנען!**

### ו

**ווער עס דארף דאס יא האבן פאר פרנסה** - מען פארשטייט ס'איז דא אידן וואס זיי מוזן עס האבן פאר פרנסה - **אבער נאר א טאש טעלעפאן "מיט א פילטער".**

ווער ס'דארף עס נישט האבן פאר פרנסה, טאר עס נישט האבן! ועל זה נאמר ויראת מאלקיך.

איינער זאל אויפפאדערן דעם צווייטן, יעדער טאטע זיין קינד, יעדער איינער זיין גוטער פריינד זיין חבר, **זאל אים מאנען און פאדערן, פארוואס פארמאגסטו אזא טעלעפאן? דו דארפסט עס נישט האבן פאר פרנסה! והיה מחנינו קדוש!**

דאס האט דער אויבערשטער געבעטן, ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש, אידישע קינדער דארפן צו זיין א גוי קדוש, א הייליג פאלק, און מ'דארף אויסרייסן די טמא'נע כלי פון אידישע הייזער, פון ווי מען ארבעט, און פון טאש וואו ס'באלאנגט נישט.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן אלע האבן א געזונטן זומער. א געזונטן זומער בגשמיות, א געזונטן זומער ברוחניות. דער אייבערשטער זאל העלפן ברכה והצלחה און סייעתא דשמיא, דער אייבערשטער וועט העלפן און שיקן פרנסה בהרחבה גדולה שפע ברכה והצלחה, תענוג ונחת פון קינדער און די אייניקלעך, ביז מיר וועלן אלע זוכה זיין אנטקעגן צו גיין דעם גואל צדק במהרה בימינו אמן.

# כ"ק מרן רבינו שליט"א איז קובע מזוזה אויף נייעם חדר השיעורים אין ביהמ"ד "ברך משה" ביומא דהילולא קדישא כ"ו ניסן

## הרחבת גבולי הקדושה גייט ווייטער אן אהערצושטעלן א נייעם מקוה בבנין הביהמ"ד



**כ"ק מרן רבינו שליט"א איז קובע א מזוזה אויפ'ן נייעם חדר השיעורים**



**דער מסיבת לחיים נאכ'ן מעמד קביעות מזוזה**

פארגאנגענעם דינסטאָג פרשת שמיני, אור ליום כ"ו ניסן הבעל"ט האבן די חשוב'ע מתפללים אינעם באַרימטן ביהמ"ד "ברך משה דקיט"ל היכל מנחם זאב" מיטגעהאַלטן א געהויבענעם מעמד קביעת מזוזה אויפ'ן נייעם חדר לתורה ולתפלה, וואָס איז אין די טעג פאַרענדיגט געוואָרן אינעם היכל הביהמ"ד לשביעת רצון באי שערי בית ה' פונעם ביהמ"ד.

דער נייער חדר התפלה וועלכע איז געווען א טייל פון די העפטיגע קאָנסטרוקציע ארבעט וועלכע איז דורכגעפירט געוואָרן אינעם ביהמ"ד, צו פאַרענדיגן דעם היכל הביהמ"ד פון אינעווייניג, ווען דער גאַנצער ביהמ"ד איז אויסגעצירט געוואָרן מיט הערליכע מארמאר שטיין צוגעבנדיג א געוואַלדיגן פראַכט און חן כראוי וכיאות פאַר א בית מקדש מעט.

אין צוגאָב איז צוגעלייגט געוואָרן א פריש פארגרעסערטער צימער, וועלכע וועט זיין ספעציעל געאייגענט אַז מ'זאָל דאָרט קענען פאָרלערנען שיעורי תורה ברבים, ווי אויך דאָרט מסדר צו זיין מניני תפלה וכדומה. דער צימער איז נאָרוואָס פאַרענדיגט געוואָרן, און די הנהלת הביהמ"ד האט באשטימט אז דער מעמד קביעת מזוזה וועט אָפּגעהאַלטן ווערן ביומא דהילולא רבה פון מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע וואס דער ביהמ"ד איז נקראת על שמו.

צו דער געהויבענער געלעגענהייט האבן די מתפללי ביהמ"ד געהאט די זכי' אַז מרן רבינו הגה"ק שליט"א איז אַריבערגעקומען אינעם היכל הביהמ"ד אור ליום ההילולא פון מרן אביו הגה"ק זי"ע צו דאַווענען מעריב אינעם היכל הביהמ"ד און קובע זיין די מזוזה אויף דעם נייעם חדר השיעורים.

ווען דער רבי שליט"א איז אנגעקומען אין ביהמ"ד האט דער רבי געצינדן ליכט און יורד געווען לפני התיבה צו תפלת מעריב לכבוד הילולת אביו מרן רביה"ק זי"ע. די מתפללי הביהמ"ד זענען ווי מיטגעשלעפט געווארן פון דעם התעוררות'דיגן דאווענען וואס האט נאכגעפאלגט מיט א פייערדיגן ספירת העומר.

נאכ'ן דאווענען איז פארגעקומען דער מעמד קביעת מזוזה, ווען דער רבי שליט"א האט קובע געווען א מזוזה על פתח הבית פון דעם נייעם חדר השיעורים, דער רבי האט מיט צופרידנהייט באטראכט די פילע אקטיוויטעטן להרחבת גבולי הקדושה בהיכל הביהמ"ד.

דערנאך זענען מכובד געווארן מיט'ן קובע זיין א מזוזה הגה"צ הדומ"ץ שליט"א און דער חשוב'ער רב הביהמ"ד הר"ר ברוך טייטלבוים שליט"א חדב"ן.

דערנאך איז געפראוועט געווארן א מסיבת לחיים לכבוד המאורע ולרגל ההילולא קדישא, וואו די מתפללי ביהמ"ד האבן געזינגען ווארימע ניגונים אנגעפירט דורך הרה"ח ר' שלמה צבי עקשטיין הי"ו מראשי המשוררים בחצרות קדשינו ומגבאי בית המדרש.

דאן האט דער רב הביהמ"ד הגה"צ רבי ברוך שליט"א איבערגעגעבן פאר'ן רבי'ן שליט"א א לעבעדיגן גרוס פון דעם שטייגענדן כח התורה והתפלה אין דעם ביהמ"ד, וואס במשך די פינעף יאָר זינט דער נייער פארגרעסערטער היכל הביהמ"ד איז געעפענט געוואָרן טאַקע ביומא דהילולא רבה קמייתא פון מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע איז דער ביהמ"ד אויסגעשטיגן אלס איינס פון די שענסטע בתי מדרשים אין די שטאט. און דער ביהמ"ד ברענגט טאקע דעם ריכטיגן כבוד פאַר'ן רבי'ן זי"ע וואס שעפט תענוג ונחת בשמי מרום פון דעם הערליכן מקום תורה ותפלה.

באזונדער האט דער רב שליט"א ארומגערעדט איבער די העפטיגע אַרבעט וואס גייט יעצט אן אַהערצושטעלן די "מקוה" אויף די אונטערשטע שטאָק פונעם ביהמ"ד, וועלכע וועט האָפנטליך פאַרענדיגט ווערן גאַנץ בקרוב.

דערנאך האט דער רבי שליט"א געוואונטשן לחיים פאר'ן גאנצן ציבור, און האט געגעבן ברכת קדשו פאר חתנו הרב שליט"א און פאר'ן מו"ץ הביהמ"ד הרה"ג ר' יוסף משה שטויבער שליט"א, ווי אויך האט דער רבי גאר ווארעם אנגעוואונטשן פאר'ן נדבן הביהמ"ד הרבני הנגיד מו"ה עקיבא הערש קליין הי"ו, און פאר די חברי הנהלת הביהמ"ד ובראשם הרה"ח ר' גדלי' סעגעדין הי"ו ווילידזש אדמיניסטראטאר, וועלכע ארבעטן א גאנץ יאר לפאר ולרומם את בית ה'.

# מוסטערהאפטע אפאראט דורך הנהלת הקרי' ביי געהויבענע מאורעות בצלא דמהימנותא

צום הצלחה פון די געהויבענע טעג וואס ק"ק קרית יואל האט נארוואס מיטגעלעבט בזמן מתן תורתינו בצל הקודש, מוז באצייכנט ווערן די מוסטערהאפטע אפאראט וואס איז צוגעשטעלט געווארן מצד די הנהלת הקרי' דאהי, כדי צו קענען אקאמאדירן די רבבות אלפי אנ"ש, וועלכע זענען ארויסגעקומען אויף יו"ט שבועות העעל"ט להסתופף בצילא דמהימנותא פון כ"ק מרן רבינו שליט"א.

ווי אין די פארגאנגענע יארן זענען אלע ווילידזש דעפארטמענטס געווען איינגעשפאנט און זיך צוגעשטעלט מיט אלע נויטיגע צוגרייטונגען און סעיפטי פאראָרדענונגען, צו קענען אויפנעמען דעם ריזיגן המון פון בליעה"ר, און פארזיכערן די מאקסימום צופרידנהייט פאר אלע איינוואוינער און געסט.

פאר יו"ט האט די פובליק סעיפטי דעפארטמענט אפגעהאלטן ספעציעלע מיטינגען וואו ס'איז אויסגעארבעט געווארן די רוטס און אנווייזונגען בנוגע דאס פאטראלירן דעם שטאט במשך די יום טוב טעג, אז אלעס זאל קלאפן על צד היותר טוב בס"ד.

די "סעקיורעטי פאוסטס" אין אלע עקן שטאט זענען געווען אקטיוו במשך א גאנץ יו"ט 24 שעה מיט פובליק סעיפטי באאמטע, ארויסצוהעלפן יעדן איינעם במשך די יו"ט טעג. דאס איז אויסער וואס די פובליק סעיפטי קארס זענען כסדר ארומגעפארן איבער אלע גאסן און ווינקלן פונעם שטאט.

ווי אויך זענען אויסגעשטעלט געווארן הונדערטער בעריקאדן לענגאויס גארפיעלד ראוד צו היטן אויף די גדרי הצניעות, סיי במשך יו"ט טעג און סיי צום ברכות הקודש מוצאי יו"ט.

א באזונדערע געניטע ארבעט איז אהערגעשטעלט געווארן מוצאי יו"ט, אנצופירן מיט די טרעפיק און קאנטראלירן דעם גרויסן פארקער. ווי אויך איז אהערגעשטעלט געווארן די שטארקע 'ספאט לייטס', וואס האט באלאכטן דעם גאנצן שטח נעבן ביהמ"ד הגדול צו די צופרידנהייט פון די טויזנטער אידן במשך אגאנץ יו"ט ובפרט מוצאי יו"ט.

אינאיינעם מיט די ווילידזש דעפארטמענטס האבן זיך אויך צוגעשטעלט מיט די מאקסימום הילף און איבערגעגעבנהייט אלע אנדערע שטאטישע ארגאניזאציעס, ווי חברים, חברה הצלה, א.ד.ג. וועלכע זענען געשטאנען גרייט מיט הילף על כל צרה שלא תבוא.

אייגנטליך איז דאס זעלביגע געקומען צום אויסדרוק אויך ביי די פארגאנגענע געהויבענע גרויסע מאורעות בצל הקודש, ווי כ"ו ניסן ביומא דהילולא קדישא פון רביה"ק בעל ברך משה זצ"ל, ווי אויך ל"ג בעומר סיי ביי די גרויסע הדלקה, און ביי די פארשידענע קלענערע הדלקות וואו ביי די צאן קדשים פון די ת"ת, ביי די תלמידי מוסד שערי חמלה און ביי המספיק ביי וועלכן אויך די בארימטע מצילי איש דעפארטמענט האבן געשפילט א שטארקע ראלע צום סוקסעס בעזה"י.



**דער מעמד הבאגלייטן בהשתתפות אלפי אנשי שלומינו שיחיו**

# פארשריט צו קענען צוריקשטעלן "גארבעדזש הייזער" אויף אוהעל, סטראפקוב, טעילאר און פילמאר גאסן

אין די פארגאנגענע טעג איז געקומען די צופרידענע מעלדונג, אז די ווילידזש האט ענדליך אנגעהויבן באקומען די נויטיגע באשטעטיגונגען איבערצובויען די פריוואטע "גארבעדזש הייזער" וואס זענען געווען געבויעט אויפ'ן ווילידזש'ס פראפערטי און האבן געדארפט צעווארפן ווערן ביים "סיידוואק רענאוואציע פראיעקט" אויף די גאסן פון אוהעל, סטראפקאוו, טעילער און פילמאר.

בשעת די ווילידזש האט אנגעהויבן די רענאוואציע ארבעט אויסצוברייטערן די ראודס און איבערצומאכן די סיידוואקס פון די דערמאנטע גאסן, וואס איז שוין די זיבעטע פאזע אין גרויסארטיגע רענאוואציע פראיעקטן איבערצומאכן אלע "עלטערע גאסן" אין קרית יואל, האט מען דאן געדארפט אראפנעמען די פריוואטע גארבעדזש הייזער וואס מענטשן האבן געבויעט אויף די גראז אויפ'ן שטח וואס באלאנגט פאר'ן ווילידזש, וויבאלד דאס איז ווייניגער פון 10 פיס אריין פונעם קוירב.

די ווילידזש האט געהאט באקומען א גרענט פון די רעגירונג אויף דעם גאנצן ראוד און סיידוואק פראיעקט, און מ'האט געהאפט אז ווען די רעגירונג וועט באצאלן פאר אלעם וועלן זיי אויך באצאלן איבערצובויען די פריוואטע גארבעדזש הייזער וואס די פראפערטי אייגענטומער האבן געבויעט, וואס דאס אליין דארף קאסטן $150,000.

למעשה ווען ס'איז געקומען צו באצאלן דעם גרענט, האט די סטעיט רעגירונג איבערגעקוקט דעם גאנצן פראיעקט כדי דאס צו באשטעטיגן, אבער אנקומענדיג צום פאזע פון די גארבעדזש הייזער האבן זיי זיך אנטזאגט דאס צו באצאלן, וויבאלד דאס איז נישט אויפ'ן אחריות פונעם ווילידזש, ווייל עס האט זיך געפינען אויפ'ן ווילידזש פראפערטי און נישט אויף די אייגענטומער'ס שטח, און די ווילידזש האט דאס געדארפט אראפנעמען אן עס צו דארפן ערזעצן כדי דורכצופירן די רענאוואציע ארבעט.

די סטעיט האט געהאט א דאפלטע טענה: ערשטנס אז זיי זענען נישט בארעכטיגט לויט'ן געזעץ דאס צו באצאלן, וויבאלד ס'איז נישט די אחריות פונעם ווילידזש, און צווייטנס אז זיי האבן נישט דאס געלט דאס צו באצאלן און דאס איז נישט געווען אריינגערעכנט אינעם פראיעקט.

אבער אזוי ווי די געטרייע הנהלת ה'ווילידזש האט נישט געוואלט אויפגעבן אויף דעם חלק פונעם גרענט, נישט וועלנדיג אז די אייגענטומער זאלן דאס דארפן באצאלן פון זייער אייגענעם טאש אויב מ'קען דאס פארמיידן, האט מען זיך אראפגעזעצט מיט לעגאלע עקספערטן צו זעהן א וועג וויאזוי מ'קען אויסארבעטן אז די רעגירונג זאל יא זיין "בארעכטיגט" צו באצאלן דערפאר, און נאכדעם וואס דאס וועט זיין מסודר וועט מען זיך זארגן איבער'ן צווייטן פראבלעם פון "כסף מנלן".

נאך א לאנגע ביוראקראטישע ארבייט פון עטליכע חדשים פון די ווילידזש שטאב מיט קאנסולטענטס אין דעם פעלד, איז אין די וואכן בעפאר פסח געקומען צו א דורכברוך ווען מ'האט אויסגעארבעט מיט די סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט א מהלך וויאזוי זיי זאלן יא מעגן באצאלן צוריקצושטעלן די גארבידזש הייזער.

די ווילידזש האט זיך גלייך גענומען צו ארבעטן אויפ'ן צווייטן פראבלעם, צו ערלעדיגן אז די $150,000 וואס ס'דארף קאסטן דאס צו איבערבויען זאל אריינגערעכנט ווערן אינעם גרענט און ס'זאל באצאלט ווערן דורך די רעגירונג.

נאכ'ן זיצן אויף מיטינגען מיט די "ארענדזש קאונטי טראנספארטעישאן קאונסיל" וואס זיי דארפן באשטעטיגן יעדן פראיעקט אין די קאונטי וואס ווערט באצאלט דורך די רעגירונג, האט מען ב"ה דאס אויך ערלעדיגט מיט די סטעיט אז זיי וועלן יא אריינשטעלן די פרישע הוצאה אינעם גרענט, אוןווארט מען אז עס זאל באשטעטיגט ווערן דורך די אלע נויטיגע אגענטור'ן און אויך דער סטעיט קאמפטראלער וועלכער דארף געבן זיין הסכמה דערצו.

גלייך ווען די באשטעטיגונג איז אנגעקומען צום ווילידזש, האט מען זיך גענומען אויסארבעטן די "פאפיר ארבעט" איבערצומאכן דעם "סיידוואק און ראוד רענאוואציע פאזע 7" קאנטראקט אריינצונעמען די פרישע $150,000 דאס פארריכטן די גארבעדזש הייזער, צו קענען אפעלירן פאר די פרישע פאנדס. נאכדעם וואס די

(פארזעצונג אויף זייט 23)

# ווילידזש וואַסער דעפּאַרטמענט פאָדערט אויף צו שפּאָרן וואַסער דורך אָפּשטעלן וואַסער ליעקס

אין ליכט פונעם וואַסער מאַנגל אין קרית יואל אין די לעצטע וואָכן, האָט די ווילידזש וואַסער דעפּאַרטמענט אַרויסגעגעבן אַ פרישן רוף פאַר די איינוואוינער אַז מען זאָל אַכטונג געבן מיט'ן וואַסער באַנוץ און עס נישט שווענדן.

איבערהויפּט איז גאָר וויכטיג אָפּצושטעלן אַלע וואַסער ליעקס אין שטוב, וואָס איז אַ גרויסער שאָדן פאַר'ן וואַסער סופּליי, וואָרום די וואַסער סופּליי אין קרית יואל איז באַשרענקט און עס איז אַ שאָד אידיש געלט און אידיש וואַסער אַז עס זאָל גיין לטמיון.

וואַסער ליעקס אין הייזער זענען אַ גרויסער פאַרלוסט פון וואַסער מקורות פאַר גאַנץ אַמעריקע, לויט אַ שאַצונג גייט אַוועק יערליך איבער אַ טריליאָן גאַלאָנען וואַסער לטמיון צוליב קליינע ליעקס אין היימען אין אַמעריקע, אַ דורכשניטליכע היים אין אַמעריקע האָט ליעקס וואָס לאָזט אַרויס 10,000 גאַלאָנען וואַסער יערליך.

דאָס נעמט אַריין אָפענע ליעקס וואָס מען קען זען, צב"ש אין די סינקס און וואַנעס און טוילעטס, און צומאָל איז דאָס מער באַהאַלטן צב"ש אונטערערדישע פייפּס, פייפּס אין די ווענט און ספּרינקלער פייפּס.

עס איז וויכטיג אַז מענטשן זאָלן איבערגיין דעם גאַנצן וואַסער סיסטעם אין שטוב און זיכער מאַכן אַז עס איז נישטאָ קיין ליעקס; אַז עס טראָפּט נישט וואַסער פונעם סינק קראַן; און אַז עס ליעקט נישט קיין וואַסער פונעם ביה"כ טאַנק, כדי דאָס צו וויסן קען מען אַריינוואַרפן אַ ספּעציעלן קאָלירטן וואַסער טעסטינג טאַבלעט אינעם טאַנק וואָס אויב די קאָליר קומט אַריין אין ביה"כ שיסל ווייסט מען אַז מען האט אַ ליעק. די טעסטינג טאַבלעטן קענען מען באַקומען אומזיסט דורך אַרויפגיין אינעם ווילידזש אָפיס.

מיט'ן פאַרמאַכן אַלע ליעקס און נישט שווענדן קיין וואַסער, טוט מען נאָר זיך אַליינס אַ טובה, ווייל פּרוטה לפּרוטה מצטרפת, און פון אַ קליינעם ליעק קען ווערן אַ חשבון פון גרויסע געלטער אין שאָדנס אויפ'ן וואַסער ביל.

# וויכטיגע סאַסוב-קאַרלין 'שאָרט-קאָט' אַהערגעשטעלט דורך תושבי קאַרלין

**הנהלת הקריה קומט צוהילף די איינוואוינער מיט א באדייטענדע טייל פון די הוצאות**

שכונת קאַרלין. - א הערליכער פּראָיעקט האָבן די איינוואוינער פון די קאַרלין גאַס זיך אונטערגענומען, דורכ'ן אַהערשטעלן אן אויסגעפלאַסטערטן "שאָרט-קאָט", וועלכע טוט פאַרבינדן די קאַרלין גאַס צו סאַסוב קאָורט, אַזוי אַז די איינוואוינער זאלן קענען גרינג אָנקומען פון איין גאַס צו די אַנדערע און בעיקר אָנקומען צום בית המדרש בית ברוך דקהל יטב לב, וועלכע שטייט צו פארפיגן פאַר די פילע איינוואוינער אויף סאַסוב און די אַרומיגע גאַסן.

איבער די לעצטע אַכט יאָר, זינט דער סאַסוב גאַס שטייט, איז שטאַרק באַנוצט געוואָרן דער אדורכגאנג צווישן צוויי הייזער אויף קאַרלין, כדי אָנצוקומען צו סאַסוב, וואָס אַזוי אַרום טוען זיך די פוסגייער פארשפארן צו דאַרפן אַרומגיין און אַרויפקריכן דעם שווערן באַרג פון מאַונטען ראָוד. דער באַנוץ פונעם דורכגאַנג האָט זיך פיל פארמערט נאָכדעם וואָס מען האָט אויפגעבויעט דעם ביהמ"ד בית ברוך, וואָס דאָס דינט אלס דער צענטער לתורה ולתפלה פאַר די עטליכע גאַסן קאַרלין, סאַסוב, טעיטש און מאַונטען ראָוד, איז דער שארט-קאט נאָך פיל מער באַנוצט געוואָרן.

עס איז אָבער געווען א פּראָבלעם, וויבאַלד דער שארט-קאט איז נישט געווען געהעריג אויסגעפלאַסטערט, און עס איז געווען זייער שווער דאָס גיין דאָרטן. אָפּגערעדט אַז ווען עס האָט גערעגנט, איז געוואָרן א מאַראַסט און עס איז ממש געווען אוממעגליך צו נוצן דעם וועג, און ווען עס האָט געשנייט האָט מען פּשוט נישט געקענט גיין דעם שיפּן בערגל אַרויף.

דעריבער האָבן די דאָרטיגע איינוואוינער גענומען די סיטואַציע אין די האַנט אַריין און האָבן אנגעהויבן צווישן זיך צוזאַמצושטעלן א סומע געלט כדי אַהערצושטעלן א געהעריגן שארט-קאט. געזאָגט איז געטאָן און מען האָט באַשטעלט א ספּעציעלע אינדזשענירונג פירמע, וועלכע איז אַראָפּגעקומען און אויספּלאַנירט די בעסטע מעגליכקייטן וויאזוי אַראָפּצושטעלן א דויערהאפטיגן און אויסגעפלאַסטערטן וועג. זעענדיג אז די קאסטן זענען פילפאכיג מער ווי די ביישטייערונגען פון די איינוואוינער, האבן זיך די עסקנים געוואנדן צו די הנהלת הקריה מיט א פארלאנג ארויסצוהעלפן מיט'ן פראיעקט.

אויפ'ן באזיס פון די שוין-לאנג יעריגע פאליסי פון די הנהלת הקרי', צוצוהעלפן די איינוואוינער מיט שארט-קאט פראיעקטן מיט וויפיל מעגליך, איז מען קעגנגעקומען די פארלאנג, נאכ'ן דורכגיין די פלענער מיט די פובליק ווארקס דעפארטמאנט אינערהאלב די ווילידזש.

אַצינד, שרייבנדיג די שורות, שטייט שוין דער וועג אין פולסטן דינסט און די פילע באַנוצער דרוקן אויס גרויס צופרידנהייט און דאַנקבאַרקייט פאַר די קאַרלין איינוואוינער, פאר די ארגאניזירער און פאר די הנהלת הקריה, וועלכע האָבן אלע גענומען א חלק און געהאלפן צושטאנד ברענגען דעם פראיעקט לזכות את הרבים.



דער נייער באקוועמער שארטקאט צווישן קארלין און סאסוב

# פלענער פון "סטאפ סיין" אויף עיקערס-לעמבערג אנולירט צוליב טעכנישע שטרויכלונגען

**- ווילידזש באטראכט פלאן איינצושטעלן רויטע בלינקינג לייט -**

די פלענער אראפצושטעלן א "סטאפ סיין" אינמיטן עיקערס ראוד נעבן לעמבערג, האט געמוזט אפגעשטעלט ווערן, נאכדעם וואס ס'איז באשטעטיגט געווארן דורך אינזשענירן אז דאס קען זיך נישט אויסארבעטן.

פאר'ן זיכערהייט פון די איינוואוינער אויף די לעמבערג גאס, סיי די אלטע איינוואוינער און סיי די וואס האבן זיך לעצטנס אריינגעצויגן אינעם פרישן פראיעקט פון לעמבערג, האט זיך שטארק אויסגעפעלט אראפצושטעלן א "סטאפ סיין" אז די שנעל-פארנדע אויטאס זאלן זיך אפשטעלן און ערלויבן פאר די פיסגייער אריבערצוגיין דעם גאס, ווי אויך צו ערלויבן פאר די קארס פון לעמבערג ארויסצופארן צו עיקערס ראוד.

עיקערס ראוד איז ביז נישט לאנג צוריק געווען דער עק פון שטעטל, און די אנדערע זייט איז בכלל נישט באנוצט געווארן דורך פיסגייער, וואס דאס האט גורם געווען אז מענטשן זאלן זיך ערלויבן צו פארן שנעל אויף דעם גאס אן זיך דארפן רעכענען מיט פיסגייער.

דאס האט זיך אבער געטוישט אין די לעצטע עטליכע יאר, ווען קרית יואל האט זיך אריבערגעצויגן איבער דעם אנדערן זייט פונעם עיקערס גאס מיט'ן אויפבוי פון דעם לעמבערג גאס, וואס דאן האט זיך מיטאמאל געשאפן א גרויסע צאל פיסגייער וואס דארפן אריבערגיין דעם ראוד אונטער די סכנה

(פארזעצונג אויף זייט 23)



# סענאטאר דזשיליבראנד דרוקט אויס באגייסטערונג פון באזוך אין קרית יואל

**וויכטיגע אישום אויסגעשמועסט מיט הנהלת הקרי׳ - הערצליכע הכרת הטוב אויסגעדרוקט אויף געטרייע הילף און שטיצע פאר קרית יואל**

פארגאנגענעם פרייטאג פ׳ אמור העעל״ט האט די יו. עס. סענאטארשע פון ניו יארק סטעיט, מרת דזשיליבראנד, און אינאײנעם מיט איר הויכראנגיקע שטאב, אפגעשטאט א באזוך אין קרית יואל, וואו זיי זענען געקומען מיטהאלטן און זיך באקענען פון דער נאנט מיט די ספעציפישע געברויכן פונעם חרדי׳שן שטאט קרית יואל.

די סענאטארשע, מיט אירע געהילפן און באגלייטער, זענען גאר העפליך אנטפאנגען געווארן דורך די הנהלת הקרי׳, וועלכע האבן ארומגעפירט די געסט איבער פארשידענע פראיעקטן אין קרית יואל, וואס זיי האבן באטראכט מיט גרויס איבערראשונג און דערביי אויסגעדרוקט זייער איינדרוקספולע געפילן מיט רעספעקט אויף די איידעלע אידישע לעבנסשטייגער, קוועלנדיג פאר הנאה צו קענען צוהעלפן מיט וויכטיגע סערוויסעס פאר אזא גרויסע שטאט בליעה״ר.

באזונדער איז אפגעהאלטן געווארן א ספעציעלע זיצונג אינאײנעם מיט די הנהלת הקרי׳ אין שפיץ פונעם חשוב׳ן מעיאר הרה״ח ר׳ אברהם ווידער שליט״א, ביי וועלכן עס איז אויפגעברענגט געווארן פארשידענע וויכטיגע טעמעס איבער וואס און וויאזוי מ׳קען נאך מער ארויסהעלפן פאר׳ן שטאט קרית יואל.

די הנהלת הקרי׳ האט דערביי ארויסגעוויזן די אידישע מדה פון הכרת הטוב, און זיך הערצליך באדאנקט פאר די פארשידענארטיגע שתדלנות, הילף און סערוויסעס ביז אהער, און אויסגעדרוקט האפענונג אויף א ווייטערדיגע אוזן קושבת לטובת קרית יואל.

די סענאטארשע און די שטאב זענען געווען שטארק איבערגענומען פונעם באזוך אין קרית יואל, און זי האט זיך שטארק באדאנקט פאר׳ן געבן דעם געלעגנהייט זיך צו קענען באקענען פון דער נאנט מיט די ספעציפישע געברויכן פון קרית יואל, פארשפרעכנדיג ווייטער צו שטיין צו די האנט פון קרית יואל מיט וואס מעגליך.

לב מלכים ושרים ביד ה׳.

# הנהלת הקרי׳ נעמט אונטער פרישע שריט פאר עקזיסטענץ פון וואסער טענק אויף חברון

**וואסער פאר חברון און עצי תמרים געגנט באדראעט צוליב ״פן ירבה״ קלאגע פון וואודבארי - גייענדיג צום דרוק מאי 30 קומט פאר הירינג ביים אפעלאט דעוויזשאן - פלענער גייען אן צו אנעקסירן די וואסער טענק שטח צום טאון אוו מאנראו**

די הנהלת הקרי׳ וואס איז שטענדיג פארנומען מיט׳ן פארברייטערן די שטאט אז ס׳זאל קענען פארטראגן דעם וואוקס כ״י, טוט זיך אצינד ספראווען מיט א קלאגע פון די שכינות׳דיגע ״וואודבארי״, וועלכע ווילן נישט ערלויבן דאס באנוץ פון די צוויי וואסער טענק אויף די חברון גאס.

ווי שוין געמאלדן אין די פארגאנגענהייט, האט דער ווילידזש אוו וואודבארי, אלס טייל פון זייערע ענדלאזע פרואוון צו שטערן דעם בליה און וואוקס פון קרית יואל אויף טריט און שריט מיט אלעם וואס מעגליך, אריינגעגעבן א פרעצעדענטלאזע קלאגע אין געריכט קעגן קרית יואל ווילידזש, און ר׳ יחזקאל בראך נ״י וועלכער האט פארקויפט פאר׳ן ווילידזש דעם שטח וואו עס איז אינסטאלירט געווארן די צוויי נייע וואסער טענק, וואס דאס האט ערמעגליכט דאס ערעפענונג פון די הונדערטער דירות וואס זענען דאן געבויעט געווארן אויף די גאסן פון חברון ראוונע, אזוי אויך דעם בנין אשת חיל.

שוין מיט אריבער פינף יאר פריער האט קרית יואל זיך דערזען, אז כדי צו קענען סערווירן די פרישע פראיעקטן, וועלכע ווערן געבויעט אויף די העכערע פראפערטיס, מיט א געהעריגן וואסער סופליי, פעלט זיך אויס א פרישער כח פון וואסער טענק אויף א הויכן ארט נאנט צום שטעטל, וואס זאל געבן די נויטיגע פרעשור פאר די וואסער צו קענען דערגרייכן צו די העכערע ערטער.

גלייכצייטיג, אין צוגאב צו די נייע פראיעקטן, זענען די בענעפיטן פון בויען נייע וואסער טאנקען אויך געווען א געוואלדיגער דורכברוך פאר די עקזיסטירנדע העכערע גאסן, ווי טעטש, סאסוב און לעמבערג, וועלכע ווערן געפלאגט פון א שוואכן פרעשור אין דעם וואסער סיסטעם, און מיט די פרעשור פון די נייע טענק וועט זיך פארשטערקערן די וואסער פרעשור צו די נויטיגע שטאפלען אין די דאזיגע געגענטער.

מיט גרויס סייעתא דשמיא האט מען אפגעקויפט פון דעם אויבנדערמאנטער אייגענטומער א האלבן עיקר, וואס דאס איז א חלק פון א 13 עיקר שטח אין וואודבארי וואס גרעניצט זיך מיט קרית יואל ביים שפיץ פון די חברון גאס, וואס דערויף האט מען אהערגעשטעלט צוויי ריזיגע וואסער-טאנקען פאר די סומע פון 1.5 מיליאן דאלער. די טענק זענען געבויעט געווארן מיט א הויכקייט פון 48 פיס, און יעדע איינע קען אנטהאלטן 750 טויזענט גאלאן, ד.ה. אז צוזאמען פארמאגןביידע טענק פלאץ פאר 1.5 מיליאן גאלאן וואסער.

אינמיטן די בוי ארבעט האט דער ווילידזש אוו וואודבארי אנגעהויבן צו שטערן דאס בויען, און דער קרית יואל ווילידזש האט מיט גרויס סייעתא דשמיא פארהאנדלט מיט די באאמטע, אז זיי זאלן נאכלאזן די קעגנערשאפט און מען איז נאכגעקומען זייערע פארשידענע פאדערונגען וויאזוי די וואסער טענק זאלן געבויעט ווערן. צווישן אנדערע האבן זיי אליין אויסגעוועלט דעם קאליר מיט וועלכן מען זאל פעינטן דעם טאנק, פארלאנגענדיג א ספעציעלן טונקל גרינעם קאליר, וואס זאל זיך

(פארזעצונג אויף זייט 25)

SUPREME COURT OF THE STATE OF NEW YORK
COUNTY OF ORANGE
-------------------------------------------X
VILLAGE OF WOODBURY,

Plaintiff,

-against-

ZIGMOND BRACH and VILLAGE OF KIRYAS JOEL,

Defendants.
-------------------------------------------X

Index No. 2112-2008
Motion Date: Jan.18, 2011
DECISION AND ORDER

SLOBOD, J.
The following papers were read on this motion by defendant Zigmond Brach (hereinafter "Brach") and this cross-motion by defendant Village of Kiryas Joel (hereinafter "KJ")for an order dismissing the complaint [CPLR 3211(a); CPLR 3212]:

Notice of Motion-Affidavit-Affirmation ........ 1-3
Notice of Cross-Motion-Affirmation-Exhibits A-B ........ 4-6
Affirmation in Opposition-Exhibits A-E ........ 7-8
Affirmation in Opposition-Exhibit A ........ 9-10
Appendix ........ 11
Reply Affirmation ........ 12
Reply Affirmation ........ 13
Memoranda of Law ........ 14-17



די גיגאנטישע וואסער טענק אויף חברון ראוד
ביים גרעניץ פון וואודבארי נעבן קרית יואל

## פעדעראל אפיעלס געריכט באשטימט דאטום ווען דער געריכט וועט אויסהערן מונדליכע ארגומענטן פון אדוואקאטן איבער דאס בארעכטיגן ווייטערדיגן עקזיסטענץ פונעם ווילידזש

**תושבי הקרי׳ זענען ווייטער מתפלל אויף סייעתא דשמיא אין די געריכטליכע פראצעדורן**

ווי שוין באריכטעט אין די הקריה פון ערב פסח, האבן די ווילידזש אדוואקאטן אריינגעגעבן אין די ערב פסח טעג דעם לעגאלן ענטפער קעגן דעם אפעלאט פון די הולכים בערכאות, וועלכע דראפען זיך מיט די לעצטע כוחות אנצוכאפן אין זייער געמיינעם פרואוו אונטערצוברענגען די שטאט קרית יואל, פארלאנגענדיג אז דאס געריכט זאל יא אויסהערן זייערע קלאגעס פארוואס דער קרית יואל ווילידזש זאל ווערן אויפגעלעזט, היל״ת.

מען האט נאך דאן געהאט געלייגט האפענונגען אז די הולכים בערכאות וועלן זיך בארעכענען, און נישט גיין ווייטער מיט׳ן קעיס און ממשיך זיין צו צוברעכן דעם כח הקדושה פון די הייליגע שטאט, און דער שם ושארית וואס רביה״ק זי״ע האט אויפגעבויט מיט די אייגענע הענט, בערוב ימיו.

למעשה האבן זייערע אדוואקאטן יא אריינגעגעבן קאנטער טענות אין געריכט צוויי וואכן נאך פסח ווי זיי האבן ווייטער אנגעהאלטן זייער שטעלונג אז דער געריכט זאל אויסהערן זייערע טענות פארוואס מען דארף ח״ו אויפלעזן דעם ווילידזש.

אצינד האט דער געריכט באשטימט א דאטום דעם קומענדיגן יוני 29 למספ׳ ווען די ריכטער וועלן אויסהערן די מונדליכע ארגומענטן פון ביידע צדדים, און דערנאך וועלן די דריי ריכטער ארויסגעבן דעם פסק, צי מ׳זאל באשטעטיגן דעם פריערדיגן אורטייל פון ריכטער רעיקאף וואס האט ארויסגעווארפן די אנקלאגע, אדער זאל מען דאס צוריקשיקן צום נידריגן געריכט און איבערהערן פונדאסניי די אלע טענות פון די אנקלעגער.

עס איז נאך אלץ צו האפן, אז די באטרעפנדע זאלן זיך סוף כל סוף עפענען די אויגן און חוזר זיין פון זייערע אומווערדיגע מעשים.

וילמדו תועים בינה.

# צופרידנהייט ביי איינוואוינער פון סוקסעספולע שנעלע גארבעדזש אפרייניגונג נאך דריי-טאגיגע יו"ט

די חשוב'ע איינוואוינער זענען שטארק צופרידן פון די העכסט-גוניטע אפאראט פון די ווילידזש סעניטאציע דערפארטמענט, וועלכע האבן באוויזן נאך אומערמידליכע אנשטרענגונגען צו האלטן זויבער דעם שטעטל במשך די יו"ט טעג און בליץ שנעל אפנעמען אלע גארבעדזש נאך די דריי טעג יו"ט, צוריקצוברענגען א טאטאלע זויבערקייט אינעם שטעטל.

נעמנדיג אין באטראכט די שווערע ארבעט וואס ווארט אפ נאך אזא דריי-טאגיגע יו"ט, ווען קרית יואל איז ספעציעל באלאגערט פון פילע טויזנטער געסט, וואס קומען ארויס מיטצוהאלטן דעם יו"ט בצל הקודש, האט די סעניטעישאן דעפארטמענט געהאט אונטערגענומען די מאקסימום אנשטרענגונג, אז מ'זאל קענען אניאגן סיי בעפאר יו"ט און סיי באלד נאך יו"ט, אפצונעמען וואס פריער אלע אנגעלייגטע גארבעדזש צו האלטן זויבער דעם גאנצן שטעטל.

די יעצטיגע געלונגענע ארבעט ווערט שטארק אנגעזען קומענדיג נאכדעם וואס די פארגאנגענע גרויסע גארבעדזש אפרייניגונג פונעם לעצטן נאך-פסח סעזאן האט זיך געהאט אומגעראכטן ארויסגעשטעלט מיט געוויסע אומאנגענעמליכקייטן, ווען צוליב אומפאראויסגעזענע סיבות האט דער פראצעדור געדויערט לענגער ווי ערווארטעט.

צו פארשטיין וואס ס'מיינט א נאך-פסח סעזאן איז אינטערעסאנט אנצומערקן, אז אין א דורכשניטליכע טאג ווערט אוועקגעפירט פון קרית יואל ביז צום דאמפ יארד אין ראמאפאו, ארום 40 טאן גארבעדזש, אין פארגלייך צו אזויפיל ווי 165 טאן נאך פסח, וואס מיינט פיר-פאכיג מער ווי אין א געווענליכע טאג.

ווי דער סיסטעם איז איינגעשטעלט הייבן אן ארומקורסירן די גארבעדזש טראקס יעדע נאכט פון ארום 12 און מ'ענדיגט בערך 8-9 צופרי, ווען דער דאמפ יארד ווערט געעפענט, דאס מיינט אז נאך פסח דארף מען ווי פארשטענדליך אהערשטעלן א גרעסערע אפאראט פון מער טראקס און ערלים, צו קענען אפנעמען די פיר-פאכיגע מאס גארבעדזש אין די זעלבע באגרעניצטע צייט.

די ערשטע געלעגנהייט היי-יאר אפצונעמען די גארבעדזש נאך פסח איז געווען אום מאנטאג, וויבאלד זונטאג איז נישט אפען די דאמפ יארד, און עס זענען טאקע געווען אפגעשמועסט מיט עקסטערע פרישע גוים אריינצוקומען אין דינסט אויף דעם מאנטאג, למעשה איז מען אנטוישט געווארן ווען פאקטיש זענען בלויז אנגעקומען האלב, אזוי אז מ'האט נישט געקענט ארויפשטעלן אויף די גאסן די באשטימטע גרעסערע צאל טראקס, און די מאסיווע אפרייניגונג פראצעדור האט דערפאר זיך פארשלעפט אויף גאנצע 2 טעג, וואס איז געווען היבש אומאנגענעם פאר די איינוואוינער נאך אזא לאנגע יו"ט בנוסף מיט א זונטאג'דיגע אסרו חג.

צו פארמיידן דעם איבערשפיל האט די סעניטאציע דערפארטמענט געהאט דאסמאל אונטערגענומען די מאקסימום אנשטרענגונג צו קענען דאס שנעלסטע וואס מעגליך אפנעמען אלע גארבעדזש סיי בעפאר יו"ט און סיי נאך די דריי טאגיגע יו"ט מיט טויזנטער געסט.

אויסער די רוטינע נאכט רוט, האט מען זיך ערב שבועות נאכאמאל ארויסגעלאזט אויף די גאסן אפצוזויבערן דעם גאנצן שטעטל לכבוד יו"ט.

אין די ערשטע געלעגנהייט מוצאי שבועות איז אריין אין קראפט די מאסיווע נאך-יו"ט אפרייניגונג, ווען עס האבן זיך ארויסגעלאזט די מאקסימום צאל גארבעדזש טראקס אויפ'ן ראוד, סיי עטליכע פראנט לאודערס און סיי עטליכע בעק לאודערס, מיט א גרעסערע גרופע ערלים, וועלכע האבן אין לויף פון די קומענדיגע שעה'ן ארומקורסירט דעם גאנצן שטאט און אפגענומען אלע אנגעלייגטע גארבעדזש, און צומארגנס אין די נאכמיטאג שעה'ן איז מען ענדליך פארטיג געווארן און נאך עספיעט צו קענען אפלאדענען אלע שמוץ אינעם דאמפ יארד פאר'ן פארמאכן.

והייתם נקיים.

# צופרידענע גריסן געהערט נאך געלונגענע שריפת חמץ איינפיר

**די סכנה'דיגע אומפאראנטווארטליכע "שריפת חמץ" פייערן וואס פלעגט אנגעצינדן ווערן ביז היי-יאר תשע"ב און האט געברענגט שרעקליכע סכנות און עטליכע ערנסטע אינצידענטן - די מצילי אש וועט אי"ה קומענדיגן ערב פסח תשע"ג הבעל"ט צושטעלן צענטראלע פייערן ביי אלע עקן פון שטאט כדי צו פארמיידן סכנת נפשות פון פריוואטע פייערן**

טראץ דעם וואס מ'האלט שוין טיף לאנג נאכ'ן יו"ט פסח העעל"ט, איז נאך אלץ אקטועל אויסצושמועסן די 'שריפת חמץ' טעמע, נאכדעם וואס די הנהלה פון "מצילי אש" איז אנטשלאסן און מחוזק אנצוגיין אי"ה קומענדיגן ערב פסח תשע"ג הבעל"ט מיט'ן היי-יעריגן איינפיר, צוצושטעלן צענטראלע פייערן אויף שריפת חמץ וואס אחריות'דיגע עלטערן זאלן וויסן אז בלויז דארט קומט מען צו פארברענען דעם חמץ.

דער געדאנק איינצופירן ספעציעלע פלעצער פאר שריפת חמץ אונטער'ן אויפזיכט פון אחריות'דיגע "מצילי אש" ווראלונטירן, איז שטארק געשטופט געווארן דורך עטליכע עסקנים ממש הארט פאר פסח. דער ציבור איז איינגעמאלדן געווארן במשך דעם טאג פון בדיקת חמץ, אז עס איז צוגעשטעלט געווארן דריי צענטראלע פלעצער וואו מ'קען קומען פארברענען דעם חמץ אויף אן אחריות'דיגן אופן אז ס'זאל נישט געטון ווערן בדרך סכנה אזוי ווי אין די פארגאנגענע יארן.

עס זענען צוגעשטעלט געווארן דריי צענטראלע פלעצער: אויף בעיקערטאון ראוד ביים "פארק און רייד"; אין די עצי תמרים געגנט; און אויף סקאנעמאנק ראוד נעבן בית החיים.

די הנהלת הקריה איז געווען שטארק איבערראשט אז טראץ די קורצע מעלדונג האט זיך גאר א גרויסער ציבור צוגעשטעלט דערצו און מ'האט געזען אידן פון אלע עקן פון די שטאט קומען צו פארן מיט די קארס, פילע פון זיי מיט די קינדער, וויסנדיג אז דארט ווערט דאס חמץ פארברענט אונטער אן אחריות פון ערוואקסענע מענטשן וועלכע באווארענען אז די קינדער זאלן נישט צוקומען צו נאנט צום פייער און פון די אנדערע זייט קענען זיי געהעריג מיטהאלטן די מצוה פון ביעור חמץ.

דער שריט האט ארויסגערופן שטארק לויב-ווערטער ביי תושבי קרית יואל, און טייל האבן אויפגעברענגט אז אין רוב אידישע געגנטער איבער ניו יארק איז שוין עטליכע יאר אזוי איינגעפירט אז נישט יעדער מאכט זיך א פייער ביי יעדן גאס נאר עס ווערט צוגעשטעלט עטליכע גרעסערע פייערן אונטער א שטרענגען אויפזיכט.

אינאיינוועגס איז דערפון ארויסגעקומען א שטארקע הידור מצוה, וויבאלד עס זענען געברענגט געווארן ספעציעלע קאנטעינארס וואו אלע חמץ האט זיך געפונען אויף איין פלאץ און די מצילי אש וואלונטירן האבן זיכער געמאט אז אלעס ווערט פארברענט בעפאר דער פייער ווערט פארלאשן, אנדערש ווי ביז היינט ווען מענטשן האבן אריינגעווארפן זייער חמץ און זענען אוועקגעגאנגען נאך 5-10 מינוט, צווינגענדיג די מצילי אש צו פארלעשן די פייערן וועלכע זענען געבליבן אן די אויפזיכט פון אן ערוואקסענעם.

גאר א שטארקע חיזוק איז געווען ווען כ"ק מרן רבינו שליט"א איז ארויסגעקומען מביתו נאוה קודש צו פארברענען דעם חמץ, און ער האט געמאלדן רצון קדשו אז ער וויל גיין פארברענען דעם חמץ אינאיינעם מיט די אנדערע אידן ברוב עם. דער רבי שליט"א איז טאקע אריבערגעגאנגען צום גרויסן פייער אויף סקאנעמאנק ראוד וואו ער האט פארברענט דעם חמץ. אויך הגה"צ הדומ"ץ שליט"א איז געגאנגען פארברענען דעם חמץ אויף בעיקערטאון ראוד ביים פארק און רייד, אינאיינעם מיט פילע צענדליגער אנדערע אידן.

אויף קומענדיגן יאר ווערט געפלאנט בעז"ה צו דעזיגנירן נאך צענטראלע פלעצער צו פארברענען דעם חמץ, כדי צו קענען גענצליך אויסראטן די קלענערע פייערן וואס ווערן אנגעצינדן אן קיין שום אויפזיכט און קינדער ווארפן אריין דערין רעדער, מאטראצן, און אנדערע שעדליכע מאטעריאלן וועלכע זענען א סכנה פאר זיך און פאר אלע ארומיגע. עס איז שוין יעדער געווען פעלער וואס עלטערן האבן געדארפט פארברענגען דעם סדר נאכט מיט א קינד אין שפיטאל, און די מצילי אש איז אנטשלאסן דאס צו פארמיידן אי"ה פון קומענדיגן יאר און ווייטער.



קינדער שפילן זיך נעבן אומקאנטראלירטע פייערן
אן קיין אנוועזנהייט פון ערוואקסענע



מערקט דעם רעדל וואס ליגט גרייט אריינגעווארפן צו ווערן אין דעם פייער

"הקריה"

HAKIRYAH

3 Chevron Rd. #3A
Monroe, NY 10950
**Fax:** 845-774-7945
**Email:** hakiryah@gmail.com

**אריינצושיקן בריוו צו די רעדאקציע, ווי אויך פאר סיי וועלכע פארשלאגן, עצות און קאמענטארן וויאזוי צו פארבעסערן אונזער/אייער אויסגאבע, ביטע שיקט אריין אויף דעם אויבנדערמאנטן אדרעסס. אייער נאמען וועט געהיטן ווערן אין די רעדאקציע אויף אייער פארלאנג.**

Not responsible for typographical errors or opinions expressed by the writers or advertisers. No part of this publication may be reproduced in any form without written consent of the publisher.

בס"ד

# .ועד קרן הבנין.

ד'ביהמ"ד החדש "ישמח משה" דקהלתינו הק'
שע"י שכונת ברך משה - קרית יואל יע"א
בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א - בהנחלת הגה"צ הרב דבית מדרשינו שליט"א
VKH D'BAIS HAMEDROSH HACHODOSH – SHCHINAS BAIRACH MOSHE – MONROE NY 10950

## בורא עולם בקנין השלם זה הבנין

אלה הדברים, בשיר ושבח נאמרים, לכבוד האי בונה ומקים בנינים ומבצרים
בשמחתו רבים שמחים ויעלוז, ויתן לך את ברכת אברה"ם ברגשי עוז
יד ושם טוב בבניני תורה ותפלה בכל פינות שפונים ימין ושמאל, פה בעיר קרית יואל
גברא יקירא, כליל המעלות בסבר פנים מאירה, למען הזולת עומד הכן בכל עת תדירא
דעתו יפה והוא כה"ן לקל עליון, מהללים שמו בהגיון, על טובו וחסדו למען הכלל והפרט
ויתהלך חנו"ך את האלקים לשמים נחמד ואהוב, ולבריות נערץ וחביב
רון שיר ושבח בשם כל תושבי שכונתינו המהוללה, נביע בזה בפה מלא

לכבוד ידידינו הנאמן החסיד שבכהונה, עוסק בצרכי ציבור באמונה, בונה ומקים
עולמות של תורה ברוב כשרון ובינה, מקים בית מדרשינו המפואר לראש פינה

הרה"ח ר' **אביגדור אברהם**
**חנוך הכהן ראזענבערג** הי"ו

### לרגל השמחה הגדולה במעונו

באירוסי בנו הבחור החשוב תמים למעלות, עדיו לגאון ולתפארת

כמר **מאיר הכהן** הי"ו
מחשובי תלמידי ישיבתינו הגדולה פק"ק קרית יואל

עב"ג בת הרבני החשוב המפואר, מוכתר בכל תואר מיקירי תושבי עירנו

הרה"ח ר' **אפרים פישל הירש** הי"ו

### והיתה לכה"ן כמנחה...

בהאי עידן חדותא, נביע שבח דא שירתא, מזמור לתודה על טובו הרחבה והמלאה, על אשר עומד לימינינו מיום הוסדה שכונתינו עד היום הזה במסירות נפלאה, הוא הגבר אשר פעל בלב ונפש וזכה לנצח על מלאכת בית ה' בבניית המקוה המהודרה מקוה טהרה "בית טשארנא" למען טהרתן של ישראל, וכמעשהו בראשונה כך מרבה פעלים מקבציאל, ברוב כשרון וברוב פאר והדרה לתפארת עיר קרית יואל, בבניית בית גדול וקדוש בית המדרש החדש ישמח משה, אשר ממנו תהיה יתד ופינה לתורה ועבודה וגמילות חסדים למאות תושבי שכונתינו, בדרכי אבותינו ורבותינו, עדי נזכה לבנין בית הבחירה במהרה בימינו.

יישר כחך! צלח ורכב!

צרופה בזה ברכותינו שיזכה הוא וב"ב תחי' לראות רב תענוג ונחת מכל יוצאי חלציו מתוך הרחבת הדעת דקדושה, מתוך שמחה וטיב לבב כל הימים בבריות גופא ונהורא נפישא, וזכות זיכוי הרבים יעמוד בעדו ובכל אשר יפנה ישכיל ויצליח ויהא ה' עמו בכל דרכיו, עדי נזכה לקבל פני משיח צדקינו ומלכינו כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א בראשינו במהרה בימינו אמן.

המאחלים בלונ"ח ברגשי תודה והוקרה
**תושבי שכונת ברך משה - ועד קרן הבנין של ביהמ"ד החדש ישמח משה -**
**ועד הנהלת מקוה טהרה בית טשארנא**






# מצילי אש אפטיילונג

## מצילי אש ראַטעוועט אָפּ גאַנצע אַפּאַרטמענט געביידע פון אויפגיין אין פלאַמען

אַ שווערער אומגליק איז פאַרמיטן געוואָרן ווען אַ הויז איז שיער אויפגעגאַנגען אין פלאַמען אין די פאַרנומענע ערב פסח טעג.

עס האָט פאַסירט אויף אַ גאַס אין קרית יואל אין אַ בעיסמענט, ווען אַ פרוי האָט געשפירט אַ שטאַרקן גערוך פון פייער און די שטוב האָט אויסגעקוקט צו זיין פאַררויכערט, די פרוי האָט פאַרפאַניקט געכאַפּט די בעיבי און איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב און אַריין צו אַ שכן, וואו זי האָט פאַרסאָפּעט געפרעגט דעם שכן וואָס צו טאָן. דעם שכנ׳ס ענטפער ווי פאַרשטענדליך איז געווען אַז מען זאָל רופן 783-1212, די מצילי אש נומער.

מיר באַטאָנען ספּעציעל די פונקט פון די געשיכטע, ווייל דאָס האָט געברענגט אַ פאַרשפּעטיקונג פון צען מינוט אין די ריספּאָנס צו די שריפה, און ביי אַ פייער ציילט יעדע סעקונדע, און ווער רעדט נאָך יעדע מינוט. די ריכטיגע צוגאַנג איז רופן גלייך מצילי אש, און נישט פרעגן קיין פראַגן און עצות ביי שכנים און פאַמיליע, ווייל יעדע רגע ציילט.

באַלד אויפ׳ן פּלאַץ זענען אָנגעקומען צוויי מצילי אש מיטגלידער, מען איז אַריינגעטראָטן אינעם בעיסמענט אַפּאַרטמענט און מען האָט געשפירט אַ גערוך פון פייער און אויך אַ רויך, מען איז אַרומגעגאַנגען אין די גאַנצע דירה און מיט די בלויזע אויגן האָט מען גאָרנישט געזען פון וואו עס שמעקט דער גערוך פון פייער.

(פאַרזעצונג אויף זייט 23)

## פייער אין וואַנט פאַרלעשט זיך אַליינס בחסדי השם פאַרמיידנדיג היים-פייער אין נאַכט פון בדיקת חמץ

אַ היים איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן בחסדי השם, ווען אַ פייער וועלכע איז שוין געקראָכן אין די וועגט האָט זיך בחסדי השם פאַרלאָשן פון זיך אַליינס, ממש אַ יד השם.

די געשיכטע האָט פאַסירט אין די נאַכט פון בדיקת חמץ, אַרום 10:30 ביינאַכט, וועלכע איז איינע פון די פאַרנומענסטע נעכט פונעם יאָר, ווען עס איז אַריינגעקומען אַ רוף איבער אַ גערוך פון פייער אין אַ הויז.

ווען די מצילי אש וואָלונטירן זענען אָנגעקומען האָבן זיי געזען די היים איינוואוינער ארויסלויפן אין פּאַניק, מען איז אַריינגעגאַנגען אינעם אַפּאַרטמענט, אויפ׳ן צווייטן שטאָק פון די געביידע, מען האָט דאָס אונטערזוכט און מען האָט באַשטעטיגט אַז עס שמעקט פון פייער אָבער מען האָט אין ערגעץ נישט געפונען קיין שפּורן פון פייער. מען האָט אויך גענוצט די די היץ דערשפירער קאַמעראַס און זיי האָבן נישט געקענט אויפכאַפּן קיין שום צייכן פון פייער אין די ווענט.

טייל האָבן פאָרגעשלאָגן אַז עס איז בלויז אַ צודאַכטעניש, אַנדערע האָבן עס געוואָלט אָנלייגן אויף אַ דערבייאיגע מצה בעקעריי, אָבער אויפ׳ן אָרט איז געווען אַ לאַנגיאָריגער ערפאַרענער מיטגליד פון די מצילי אש אַגענטור און ער האָט געמוטיגט אַז מען זאָל בלייבן אויפ׳ן אָרט און נאָכפאָרשן וואָס דאָ קומט פאָר.

מען האָט פאָרגעזעצט צו זוכן און שמעקן וואו עס איז די שריפה, נאָך לענגערע זוכונגען האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַן אינטערסאַנטער פאַקט, אַז אין איין צימער איז דאָ אַ גערוך פון פייער און אינעם זעלבן צימער אויפ׳ן אַפּאַרטמענט העכער דעם איז אויך דאָ דער זעלבער גערוך, דאָס האָט געוויזן אַז עפּעס דברים בגו.

(פאַרזעצונג אויף זייט 23)

## מצילי אש פאָדערט ווידעראַמאָל אויף איבער פונקציאָנירבאַרע "סמאָוק דעטעקטאָרס" אין יעדע היים

די מצילי אש אַגענטור האָט ווידעראַמאָל אַרויסגעגעבן אַ רוף איבער די וויכטיגקייט פון האָבן פונקציאָנירבאַרע "סמאָוק דעטעקטאָרס" אויף פילע ערטער אין די שטוב.

געזעצליך פאַרלאַנגט זיך אַ סמאָוק דעטעקטאָר אין יעדן שלאָף צימער, אָבער אידן האָבן אַ מצוה פון ונשמרתם מאד לנפשותיכם, און דערפאַר דאַרף מען זיכער מאַכן אַז מען האָט גענוג "סמאָוק-דעטעקטאָרס" צו דעקן די גאַנצע היים, און אויך דאַרף מען זיכער מאַכן אַז זיי האָבן פרישע בעטעריס און זיך באַשטימען אַ יערליכן זמן ווען מען טוישט די בעטעריס.

די מצילי אש רוף איז נאָכדעם וואָס מען האָט זיך שוין באַגעגנט מיט מערערע אינצידענטן אין וועלכע דאָס נישט האָבן גענוג "סמאָוק-דעטעקטאָרס" אָדער פונקציאָנירבאַרע "סמאָוק-דעטעקטאָרס" האָט שיעור געברענגט צו סכנת נפשות.

אויך איז זייער וויכטיג צו האָבן אַ פאַרבינדענעם סמאָוק דעטעקטאָר סיסטעם אין וועלכע אַלע דעטעקטאָרס צעפייפן זיך אין פאַל איינס צעפייפט זיך.

די נויטיגקייט צו האָבן מערערע "סמאָוק דעטעקטאָרס" איז ספּעציעל וויכטיג ביי די וואָס האָבן גרעסערע הייזער און גרעסערע צימערן, וואָס עס נעמט לענגער פאַר׳ן סמאָוק דעטעקטאָר ביים עק הויז צו דערשפּירן דעם רויך פון אַ שריפה, און ביי אַ שריפה שפּילט יעדע סעקונדע אַ ראָלע, ווייל מען קען אומקומען פון דערשטיקונג פון רויך נאָך אסאַך פאַר מען איז אין אַ סכנה פון די שריפה זעלבסט.

אויך: אַ שריפה דאָפּעלט זיך יעדע מינוט, דאָס מיינט אַז יעדע סעקונדע ממש ציילט.

אויסער דעם, ביי די וואָס וואָס האָבן הייזער מיט עטליכע שטאָקן, אָדער צוויי שטאָקן, מוז מען האָבן גענוג "סמאָוק דעטעקטאָרס" אויף ביידע שטאָקן און זיי מוזן זיין עלעקטראָניש פאַרבינדן. אויך זאָל מען האָבן "סמאָוק דעטעקטאָרס" אין קעלער, און עס זאָל זיין פאַרבינדן מיט אַלע "סמאָוק דעטעקטאָרס" אין שטוב, כדי אין פאַל אויב עס פאַסירט אַ שריפה רח"ל טיף ערגעץ פאַרשטעקט אין אַ ווינקל פונעם הויז אָדער אינעם קעלער זאָל מען גלייך הערן דעם אַלאַרם.

ונשמרתם מאד לנפשותיכם.

## פאָרזיכטיגקייט פאַרלאַנגט איבער קאַרבאָן-מאַנאַקסייד געפאַר נאָך רייניגן דעם גאַז רענדזש

די מצילי אש אַגענטור פאָדערט אויף צו זיין גאָר פאָרזיכטיג איבער דעם געפאַר פון קאַרבאָן-מאַנאַקסייד, נאָכדעם וואָס עס שטעלט זיך אַרויס אַז מענטשן כאַפּן נישט ווי ווייט די געפאַר גייט און ווי שנעל מען קען אַריינגעשטעלט ווערן אין אַ סכנה.

אַ ביישפּיל איז אַ לעצטיגע געשיכטע וואָס צייגט אַז דער געפאַר פון קאַרבאָן-מאַנאַקסייד ווערט נישט געהעריג אויפגעכאַפּט, מען איז נישט באַהאַוונט דערמיט.

מען ווייסט אַז בעפאָר פסח איז דאָ אַ גרעסערע געפאַר פון קאַרבאָן-מאַנאַקסייד, וואָרום מען קאָכט און מען באַקט אויף אַלע פלאַמען, עס איז נאָך ווינטער דאַן און די פענסטערס זענען פאַרשפּאַרט, און עס זאַמלט זיך שנעל אָן אַ גרויסע מאָס קאַרבאָן-מאַנאַקסייד אין שטוב.

אָבער אויך נאָך פסח איז דאָ אַ געפאַר פון קאַרבאָן-מאַנאַקסייד, וואָס מען זעט פון די פאָלגענדע געשיכטע.

פאַרגאַנגענע וואָך איז די מצילי אש אַגענטור אַרויסגערופן געוואָרן נאָכדעם וואָס אַ קאַרבאָן-מאַנאַקסייד דעטעקטאָר האָט זיך צעקלונגען אין עמיצענס שטוב, נעמליך אַן אַפּאַרטמענט אויפ׳ן דריטן שטאָק.

די מצילי אש וואָלונטירן זענען אַראָפּגעקומען און האָבן גענומען אויספאָרשן, די מאַשינען האָבן קלאָר געוויזן אַז עס איז דאָ הויכע קאַרבאָן-מאַנאַקסייד שטאַפּלען אין די דירה, אָבער מען האָט נישט געקענט געפונען קיין שום קוואַל פון קאַרבאָן-מאַנאַקסייד אין די דירה אויפ׳ן דריטן שטאָק.

פון ערפאַרונג האָבן די מצילי אש וואָלונטירן געוואוסט וואָס ס׳איז די קומענדיגע שריט, מען האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צום שכן אין די אַפּאַרטמענט אונטער דעם, נעמליך דעם צווייטן שטאָק, וואָרום גאָר אַסאַך מאָל מאַכט זיך קאַרבאָן-מאַנאַקסייד אין אַן אַפּאַרטמענט און מען כאַפּט דאָס אויף אין די אַפּאַרטמענט העכער דעם.

מען האָט אַריינגעקלאַפּט ביים שכן, און יאָ: די האַנט-געהאַלטענע קאַרבאָן-מאַנאַקסייד דערשפּירער האָבן געוויזן אַז אין די דירה איז דאָ נאָך אַ גרעסערע שטאַפּל פון קאַרבאָן-מאַנאַקסייד, ביי די הויכע דרייסיגער ציפערן, וואָס דאַן דאַרף זיך נאָרמאַל די קאַרבאָן-מאַנאַקסייד דעטעקטאָר צעקלונגען, די אונטערשטע דירה האָט געהאַט

(פאַרזעצונג אויף זייט 21)




# אַ באַזוך אינעם "רעסקיו טראָק"

## איינדרוקן פון אונזערע באַזוכן אינעם מצילי אש פייער דעפּאַרטמענט געביידע און אַ בליק וואָס די אַגענטור שטעלט מיט זיך פאָר

פון: נפתלי וויינבערגער

ווי באַקאַנט איז די מצילי אש פייער דעפּאַרטמענט אַ פול אויסגעשטאַטעטע פייער דעפּאַרטמענט מיט פיר פּאָמפּער טראָקס, איין לייטער טראָק, אַ וואַלדפייער באקעמפונג טראָק (גערופן אַ בראָש טראָק), און אויך אַ "רעסקיו טראָק".

סתם מענטשן וואונדערן זיך, וואָס איז דאָס אַ "רעסקיו טראָק"? עס קוקט אויס ווי אַ פירקאַנטיגער קאַסטן וואָס פאָרט אויף רעדער, עס דוכט זיך אַז די טיטול "רעסקיו טראָק" איז פשוט אַביסל גרויסהאַלטעריש צוצוגעבן צום גאַנצן טאַראַראַם ביי אַ פייער סצענע. עס איז אַ פשוט'ער טראָק ככל ה'טראָקס, אפשר גאָר ליידיג פון אינעווייניג, און איז בלויז אַ פלאַטפאָרמע פאַר סירענעס און בליטשקעדיגע ליכט, און איז געמאַכט צו פאַרגרעסערן דעם אויסזען פון די פייערלעשן אַרמיי.

כ'מיין וואָס באַדייט שוין אַ "רעסקיו טראָק"? צו לעשן פייערן דאַרף מען פייערלעשער טראָקס, פּאָמפּערס, און לייטערס, שלויכן און פייער היידרעינס, און אַ געזונטע מחנה פון קרעפטיגע פייערלעשער, אבער וואָס איז עפּעס דער "רעסקיו טראָק"? ער פאַרמאָגט נישט קיין לייטערס און נישט קיין פּאָמפּס, און קוקט אויס ווי סתם אַ נאָכשלעפּער וואָס באַווייזט זיך ביי יעדן ערנסטן פייער סצענע, ווי סתם אַ וויכטיג מאַכער.

ווילנדיג שטילן מיין נייגער האָט דער שרייבער פון די שורות אַמאָל אַ ציפּקע געטאָן דעם פייער טשיף, דעם פריינטליכן איד ר' יושע בלומענטאַל הי"ו, וועלכער שטייט אין שפּיץ פונעם מצילי אש פייער דעפּאַרטמענט, אונז צו פאַרציילן און ערקלערן וואָס איז דאָס אַ "רעסקיו טראָק"? וואָס טוט דאָס? וואָס פעלט דאָס אויס?

ר' יושע האָט מיך איבערראַשט, און אַנשטאָט גיבן ערקלערונגען האָט ער מיך אַריינגעפירט אינעם דעפּאַרטמענט און געגעבן אַ פונקטליכן איבערזיכט אויפ'ן "רעסקיו טראָק" און האָט מיר מסביר געווען יעדעס קלייניגקייט וואָס דאָס מיינט. ווען כ'האָב פאַרלאָזט דעם אָרט האָב איך אָנגעהויבן צו פאַרשטיין אַז די מצילי אש פייער דעפּאַרטמענט איז נישט בלויז אַ פייער-לעשן דעפּאַרטמענט.

די געטרייע ווילידזש פירער האָבן זיך נישט באַגנוגט מיט'ן מינימום ביים אויפשטעלן די מצילי אש פייער דעפּאַרטמענט, "לעשן פייערן איז נישט גענוג!" איז געווען דער באַשלוס, אַז עס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ פייער דעפּאַרטמענט און מען האט שוין די פעאיגע יונגעלייט און די כלים, איז שוין אַ שאָד נישט צו גיין אַ טריט ווייטער און ווערן אַ פולשטענדיגע רעטונגס אַגענטור.

דאָס האָט מען טאַקע געטאָן, מען האָט געשפּענדעט אלפים ורבבות צו קויפן אַ "רעסקיו טראָק" און דאָס אויסשטאַטן מיט אַלע ערליי "רעסקיו" כלים, כדי צו זיין גרייט על כל צרה שלא תבא און אין פאַל פון עמוירדזשענסי נישט דאַרפן אָנקומען צו די צעגערנדיגע גוי'אישע עמוירדזשענסי אַגענטורן וועמען עס ברענט נישט יעדע סעקונדע ווען דאָס לעבן אדער פארמעגן פון אַ איד איז אין געפאַר.

אויך האָט מען געשיקט די מצילי אש וואָלונטירן אויף שעה'ן און שעה'ן פון שווערע דורכדרינגליכע טרענירונגען, און כסדר פרישט מען דאָס איבער, כדי די מצילי אש וואָלונטירן זאָלן האָבן די וויסנשאַפט און טאַלאַנטן זיך צו ספּראַווען בעזרת השם מיט יעדע סאָרט "רעסקיו" סצענע וואָס קען זיך מאַכן.

וואָרום עס מאַכט זיך פילע עמוירדזשענסיס וואו מען דאַרף נישט נאָר געטריישאַפט און אַ ווילִיגקייט צו לויפן ראַטעווען מענטשן מיט אַ געפיל - וואָס דאָס האָבן אידישע קינדער גענוג - און נאָך - נאָר מען דאַרף אויך האָבן די וויסנשאַפט, די טרענירונג, און די נויטיגע כלים צו געבן די הילף שנעל און ווירקזאַם, און יענעם נישט שעדיגן ביים אים העלפן, און נישט ווערן אַ קרבן ביים העלפן אַ צווייטן.

*

### די מצילי אש נעמט אַריין אש מים רוח און עפר:

1) "אש" איז זייער הויפט מיסיע, ראַטעווען פון פייער.

2) "מים" איז אויך אַ טייל פון זייער מיסיע. מיר האָבן דאָס נישט געוואוסט, אָבער די מצילי אש וואָלונטירן זענען פולשטענדיג אויסגעשטאַט צו ראַטעווען מענטשן ביים אַריינפאַלן אין וואַסער אָדער ביים שפּאַצירן אויף אַן אייזיגן טייך און עס מאַכט זיך אַ לאָך און דער קרבן פאַלט אַריין, אָדער אַז אַ קאַר פאָרט אַריין אין וואַסער.

מען קען נישט סתם אַזוי אַריינשפּרונגען אין אַן טייכל ראַטעווען מענטשן, אָן צוגיין דערצו מיט די נויטיגע כלים און מעטאָדן, אַז מען טוט אַזוי ווערט מען גאַנץ שנעל אַ קרבן, אין וואַסער איז קאַלט און ביי 55 דעגרי וואַסער קען אַ מענטש גאַנץ שנעל שטאַרבן פון הייפּאָטערמיע. צו ראַטעווען עמיצן פון די אייז איז אַ גאַנצער פּראָצעדור, אַז נישט פאַלט מען אויך אַריין אין אייז קאַלטן וואַסער און מ'דערזעט זיך מיט צוויי קרבנות ח"ו.

3) מצילי אש איז ספּעציעל גאָר גוט טרענירט זיך צו ספּראַווען מיט סכנות פונעם "רוח", דאָס מיינט געזן, "קאַרבאָן מאַנאַקסייד" גאַז, קאָכן גאַז, וכדומה.

4) און אויך "עפר". אַסאַך עמוירדזשענסיס קומען פון דער ערד, דאָס נעמט אַריין אַלערליי אויטאָ עקסידענטן וואָס מען דאַרף האָבן גאָר ספּעציאַליזירטע כלים אַרויסצונעמען די פאַרכאַפּטע אינעם אויטאָ, און אויך ווען אַן אויטאָ גליטשט זיך אַריין אין אַ גרוב וכדומה.

צו ראַטעווען מענטשן פון צוזעצטע אויטאָס ביי אַן עקסידענט סצענע איז נישט מעגליך אָן די נויטיגע כלים און עקספּערטיז. נאָך אַן עקסידענט איז אַן אויטאָ צוזעצט, מען קען נישט עפענען די טירן, די "סטירינג ווהיל" דרוקט אויפ'ן קרבן רח"ל, די קאַר איז אומסטאַביל און וואַקעלט זיך, מען דאַרף האָבן די נויטיגע טרענירונג, טאַלאַנטן און כלים דאָס צו קענען טאָן.

דאָס האָט איר נישט געוואוסט, וואָרום די מצילי אש אַגענטור, אַנדערש ווי סתם גוי'אישע פייער דעפּאַרטמענטס, מאַכט נישט קיין פּאַראַדעס מיט די פייער טראָקס וואָס איז אַ יערליכע ערשיינונג ביי די גוים, די מצילי אש וואָלונטירן מאַרשירן נישט מיט מונדירן אַרויף און אַראָפּ גאַרפיעלד ראָוד, מען פויקט נישט מיט קיין פויקערס, און מען איז גערן גרייט צו האָבן וואָס ווייניגער אַרבעט און וואָס ווייניגער דאַרפן נוצן די אַלע כלים און טאַלאַנטן, "עס זאָל נישט זיין קיין צרות" איז זייער לאָזונג.

אָבער, בדרך העולם פּאַסירט וואָס ס'פּאַסירט, און דערפאַר איז די מצילי אש דעפּאַרטמענט גרייט, מען טרענירט זיך כסדר, מען האַלט אויף די כלים און מען האַלט זיי אין פולשטענדיגן קאַמפּסגרייטקייט צושטאַנד, מען קויפט כסדר פרישע כלים און מען זוכט כסדר וואו מען קען פאַרבעסערן און פאַרשנעלערן די הצלת נפשות אַרבעט.

*

### מיין באַזוך אינעם פייער דעפּאַרטמענט

ווער עס קומט אַריין אינעם פייער דעפּאַרטמענט געביידע זעט גלייך די פייער טראָקס אויסגע'שורה'ט איינע אונטער'ן צווייטן ווי מיליטערישע טאַנקען. צו יעדן טראָק איז פאַרבינדן אַ ווייער וואָס קומט אַראָפּ פון דאַך.

"וואָס פעלט דאָס אויס", פרעג איך דעם טשיף ר' יושע בלומענטאַל.

"דאָס איז פאַר צוויי זאַכן", ענטפערט מיר ר' יושע מיט געדולד, "איינס: די פייער טראָקס האָבן פילע עלעקטראָנישע כלים וואָס אַרבעטן אַסאַך מאָל אַפילו די מאָטאָר איז אויסגעלאָשן, און כדי די בעטעריס זאָלן נישט "אויסגעליידיגט ווערן" פון ענערגיע און זיין אַלץ פולשטענדיג געטשאַרדזשט, דאַרף מען זיי האַלטן איינגעפלאָגט. דאָס איז סטאַנדאַרד ביי אַלע פייער דעפּאַרטמענטס. ביים לויפן צו אַ פייער קאָל איז נישט די צייט זיך אָפּצוגעבן מיט טויטע בעטעריס.

"די אַנדערע סיבה איז אַז די בעטערי טרייבט דעם לופט קאָמפּרעסאָר, און אויב עס שפּירט אַז די לופט שטאַפּל אין די לופט טאַנקען וואָס פּיטערן די לופט ברעיקס איז נידריג, צינדן זיי זיך אָן און גיסן אַריין מער לופט אין די טאַנקען, אַזוי האָט מען אַלץ פולע לופט טאַנקען און מען קען גלייך פאָרן אין פאַל פון עמוירדזשענסי. אַז די לופט איז נידריג קען נעמען פיר מינוט פון נאָכ'ן אָנצינדן דעם טראָק ביז די לופט ברעיקס זענען גרייט פאַר'ן פאָרן, און דאָס איז אַ פאַרשפּעטיגונג וואָס מען קען נישט אַקצעפּטירן אין פאַל פון אַ שריפה.

"אויב אַזוי דאַרף מען דאָס אויסשטעקן יעדעס מאָל פאַר'ן אַרויספאָרן, האָט זיך נאָכנישט געמאַכט אַז אינעם געאייל האָט מען זיך גענומען פאָרן מיט'ן ווייער אַריינגעשטעקט און עס אַרויסגעריסן פון פלאַץ אַזוי ווי יענער וואָס איז אַזוי אַוועקגעפאָרן פונעם גאַזאָלין סטאַנציע"?... גיב איך אַ פרעג דעם טשיף.

"נישט ממש אַזוי", ענטפערט ר' יושע, "וואָרום דער סיסטעם אַרבעט אַז ווי נאָר די מאָטאָר פונעם פייער טראָק ווערט אָנגעצינדן, שפּייט דער פלאָג אַרויס דעם ווייער און מען קען פאָרן, דאָס איז אויטאָמאַטיש".

*

"אַלזאָ ר' יושע, וואָס געפינט זיך איינעם 'רעסקיו טראָק'? וואָס זענען די סודות וואָס זענען באַהאַלטן אין אירע קאַמערן"? פרעג איך.

ר' יושע ענטפערט: "דער טראָק איז אויסגעשטאַט מיט אַלערליי געצייג צו קענען דינען אַלס רעסקיו פלאַטפאָרמע אין פאַל פון נויט.

"צב"ש אינעם ערשטן קאַמער פונעם טראָק איז דאָ דער גענעראַטאָר, דאָס איז בלויז איינס פון צוויי גענעראַטאָרן וואָס דער טראָק פאַרמאָגט. די קלענערע גיט אַרויס 12,000 קילאָוואַט, און די אַנדערע איז די שטערקערע און די צענטראַלע און געפינט זיך אינעם פאָדלאָגע אינעם צענטער פונעם "רעסקיו טראָק" און גיט אַרויס 25,000 קילאָוואַט.

*

"פאַרוואָס דאַרף מען די גענעראַטאָרן"? גיב איך אַ פרעג.

ר' יושע ענטפערט: "די גענעראַטאָרן דאַרף מען הויפּטזעכליך פאַר לייטינג, ביי אַ פייער סצענע דאַרף מען האָבן ליכטיגקייט צו זען וואָס עס טוט זיך. די "רעסקיו טראָק" פאַרמאָגט אַ ריזיגן שטאַנג וואָס מען קען אויסציען צו ביז 35 פיס הויך און עס טראָגט אויף זיך דריי מאַכטפולע פּראָדזשעקטאָר לעמפּ וואָס באַשיינען און באַלייכטן אַן עקסידענט סצענע אז מען זאָל קענען אָנגיין מיט די אַרבעט. די גענעראַטאָרן קרעפטיגן אויך אַלע עלעקטראָניקס פונעם טראָק אין די צייט וואָס עס איז אינעם אָפּעראַציע.

"אויך זענען די גענעראַטאָרן פאַרבינדן צו פיר גרויסע ראָלקעס דראָטן, וואָס יעדע קען מען אויסציען ביז 250 פיס אַוועק פונעם טראָק און ביים שפּיץ האָבן די ראָלקעס אַ באַקס מיט אַלערליי פלאָגס, אַזוי האָט מען גרייט עלעקטעריק אויפ'ן פלאַץ צו קרעפטיגן אַלערליי עלעקטערישע מאַשינעריע וואָס מען דאַרף נוצן ביי אַ פייער אָדער רעסקיו סצענע, צב"ש די צירקולער זעגן אויפצוזעגן אַ צוזעצטע קאַר, אָדער די דעכער פון הייזער וואָס מען דאַרף אויפשניידן צו ווענטילעיטן אַ פייער, און אַלע אַנדערע עלעקטערישע כלים וואָס מען דאַרף, צב"ש די פענס אַרויסצוציען רויך פון אַ געביידע וכדומה.

"די פלאָגס קענען אַקצעפּטירן אַלערליי שטעקערס, 110 וואָלטס, 220 וואָלטס, 480 וואָלטס וכדומה, און אין אַלערליי סאָרט עמפּערידזש שטאַרקייטן. פאַרשטייט זיך ביז'ן מאַקסימום וואָס די גענעראַטאָרן קענען דערהייבן.

"אינעם קאַמער פונעם גענעראַטאָר געפינט זיך אויך דער גאַנצער עלעקטערישער קאָנטראָל באַקס צו קאָנטראָלירן די גענעראַטאָרן, וועלכע טרייבן אויך די פּראָדזשעקטאָר לייטס אויף די פיר ווינקלען פונעם "רעסקיו טראָק".

"די קאַמער האָט אויך אַ צירקולער זעג צו שניידן אייזן פון אַ צוזעצטע קאַר און אַרויסנעמען פאַרכאַפּטע. אויך האַלט מען גרייט פאַרשידענע בלעידס, איינס צו שניידן אייזן, איינס פאַר צעמענט, איינס פאַר אַלומינום, וכדומה.

"אויך האַלט מען דאָרטן פאַרשידענע קייטן אַרויסצושלעפּן אויטאָס פון זומפּן

(פאָרזעצונג אויף זייט 11)

# הרחבת הדעת'דיגע אימפּראָזאַנטע פרישטאָג וואָס "חברים" האָט צוגעשטעלט ער"פ נאָך אַלץ געשפּרעך פון טאָג

עס איז שוין פאַרלאָפן עטליכע וואָכן פונעם הייליגן יום טוב פסח, אָבער נאָך אַלץ הערט מען מענטשן רעדן פונעם געלונגענעם ערב פסח פרישטאָג וואָס די חשוב'ע "חברים" אָרגאַניזאַציע האָט צוגעשטעלט אַלס אַ סערוויס פאַר'ן ציבור, וועלכע איז דורכגעגאַנגען מיט גרויס סוקסעס, און האָט געגעבן מנוחה און הרחבת הדעת פאַר מענטשן.

מען דאַרף נישט שילדערן וויאַזוי דער פרישטאָג פלעגט אַמאָל צוגיין ערב פסח ביי מענטשן אין שטוב, מען פלעגט עסן בחפזון, שטייענדיג אינעם קאָרידאָר, אין די צייט וואָס פון שטוב בליקט אַרויס די בייזע בליקן פון די באַלעבאָסטע אַז קיין ברעקל זאָל נישט זיך אַריינכאַפּן אין שטוב, דער פרישטאָג איז געווען באַגלייט מיט די זמירות פון די דזשומערייען פון די וועקיום קלינערס און מיט'ן גערוך פון בליטש און סאָפּט סקראָב.

און וואספארא סעודה איז דאָס שוין געווען? דער ערב פסח פרישטאָג איז באַשטאַנען פון אַ מאָגערן סענדוויטש מיט אַ דינע שיכטע טונאַ דערויף. די וועלכע האָבן געוואָלט לוקסוס האָבן שוין געהאַט אַ טאָמאַטע און לעטוס צוגעשניטן דערצו.

דאָס אַלעס האָט זיך געטוישט ווען מען האָט זיך גענומען איינפירן די פרישטאָגס דאָהי אין קרית יואל, וואָס האָט פיל פאַרלייכטערט פאַר מענטשן מען האָט באַקומען אַן אָרט צו עסן אַ געהעריגן פרישטאָג - אַזוי צו האָבן כוח פאַר די ערב פסח הכנות - און נישט דאַרפן אָנבערעקלען אין דעם קאָרידאָר נעבן שטוב.

ווי פאַרשטענדליך איז דאָס צושטעלן אַזאַ פרישטאָג אַפּעראַציע נישט קיין גרינגע זאַך, מען דאַרף סערווירן טויזנטער מענטשן, טאַטעס בחורים און קינדער, וואָס קומען צו לויפן ווי כוואַליעס פון אַ פאַרפלייצונג און דאַרפן אַלע סערווירט ווערן אין געציילטע שעה'ן. ערב פסח זענען די נערוון אָנגעצויגן און צו סערווירן אַזאַ ציבור ווי עס דאַרף צו זיין פאַרלאַנגט פלאַנירונג, חכמה און געדולד, און אויך הויפנס מיט געלט.

די לעצטע צוויי יאָר האָט די "חברים" אָרגאַניזאַציע איבערגענומען דאָס צוגרייטן דעם ערב פסח פרישטאָג, כדי צוצושטעלן אַ באַדינונג פאַר'ן ציבור, און אויך אויפטרייבן געלט פאַר די אָרגאַניזאַציע.

ספּעציפיש איז דער פרישטאָג אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דעם באַקאַנטן חברים קאָאָרדינאַטאָר, דער לעגענדאַרער עסקן און לב טוב, דער באַקאַנטער איש החסד הר"ר יושע קאָרנבלי הי"ו.

היי-יאָר, פונקט ווי פאַראַיאָר, איז דאָס דורך ר' יושע יצחק קאָרנבלי הי"ו צוגעשטעלט געוואָרן מיט'ן פולסטן טאַקט, מען האָט אויף גאָרנישט פאַרציכטעט, מען האָט נישט געשניטן קיינע עקן, עס איז צוגעשטעלט געוואָרן ברוב פּאֵר והדר ממש ווי אַ פרישטאָג ווערסיע פון די מעניו ביי אַ פולן רייכן דינער.

אידן זענען אַריינגענומען אינעם זאַל פון קרן ויואל משה און זענען ערשטוינט געוואָרן צו זען וואספארא רייכער אויסוואַל פון עסנוואַרג עס איז געווען צוגעגרייט, און דעם ברייטן הרחבה'דיגן וועג וויאַזוי מען האָט דאָס צוגעשטעלט, מען האָט געהאַט גענוג פּלאַץ צו זיצן, אַ גענוגנדן ברייטן אויסוואַל פון עסנוואַרג און פון יעדעס איינע בהרחבה גדולה.

מענטשן האָבן זיך באַקוועם אויסגעזעצט מיט די קינדער, און מען האָט געגעסן אַ פרישטאָג וועלכע האָט געגעבן כוח פאַר אַ גאַנצן טאָג, מען האָט שטאַרק נהנה געווען דערפון און מען איז אַרויס זאַטערהייט. אויך האָט מען אָנגעזעטיגט די קינדערלעך, וואָס אַסאַך מאָל צוליב די פאַרנומענקייטן פון די ערב פסח טעג הונגערן זיי גאַנץ אָפּט אונטער, און קיין געהעריגע סאַפּערס האָט מען דאָך שוין לאַנג נישט געהאַט.

אויך האָבן די בכורים נישט געדאַרפט קומען לויפן פאַרסאָפּעט און זוכן אַ סיום, וואָרום פון דעם איז אויך געווען גענוג און נאָך, עס איז געווען אַן ערהאַבן בילד צו זען וואו ביים ווינקל וואו מען האָט אָפּגעהאַלטן די סיומי בכורות איז יעדע מינוט אָפּגעהאַלטן געוואָרן נאָך אַ סיום און נאָך אַ סיום, אַזוי איז דאָס געגאַנגען במשך די גאַנצע צייט פונעם פרישטאָג אָן אויפהער.

די בחורי חמד און קינדער פון די "חברים" מעמבערס זענען געווען הולכים בדרכי אבות, און האָבן געטריי און ענערגיש צוגעהאָלפן אויפ'ן אָרט סערווירן דאָס עסן און טאָן אַלעס וואָס עס האָט אויסגעפעלט. צב"ש אַ קבוצה פון די יונגע פעאיגע עסקנים איז געווען געשטעלט אויף מאַכן אייער שפּייזן און האָבן פּראָדוצירט איינס נאָכ'ן צווייטן, לכל דורש ומבקש, און ווער עס האָט געוואָלט האָט נאָך ערב פסח געקענט הנאה האָבן פון אַ וואַרעמען אייער שפּייז.

אידן האָבן אויסגעדרוקט גרויס צופרידנהייט פאַר דעם ברייטן פרישטאָג וואָס די "חברים" אָרגאַניזאַציע האָט צוגעשטעלט, און האָבן זיך שיין ביישטייערט פאַר די "חברים" אָרגאַניזאַציע, וואָס די איינקונפטן פונעם פרישטאָג זענען געווען געווידמעט אָפּצוצאָלן די הלוואה וואָס די אָרגאַניזאַציע האָט זיך אַרויסגענומען צו דעקן די קאָסטן פונעם נייעם "חברים" טראָק וואָס מען האָט איינגעקויפט.

די "חברים" פירער האָבן אין אַ שמועס מיט די רעדאַקציע פון הקריה געזאָגט אַז דער לויב קומט נישט פאַר זיי, נאָר פאַר די צענדליגער "חברים" מיטגלידער, וואָלונטירן און עסקנים, וועלכע האָבן שווער געאַרבעט פאַר'ן סוקסעס פונעם פרישטאָג און האָבן זיך ביישטייערט מיט צייט, געלט און מיה.

מען האָט אויסגעדרוקט אַ האַרציגן דאַנק פאַר הר"ר חיים מאיר ווייס הי"ו, דער קעכער פונעם ויואל משה זאַל, וועלכע האָט צוגעהאָלפן צום סוקסעס פונעם פרישטאָג מיט וואָס ער האָט נאָר געקענט, ומשנהו בדומה לו, דער חשוב'ער יונגערמאַן, הר"ר נפתלי הירצקא ווייס הי"ו, דער מענעדזשער פונעם קרן ויואל משה געביידע, וועלכער האָט צוגעהאָלפן צום פרישטאָג פון א' ביז ת', און טראָץ די פאַרנומענע ערב פסח שטונדן איז ער אנוועזנד געווען ביים פרישטאָג און האָט אַרויסגעהאלפן מיט וואָס עס איז נאָר שייך געווען.

מען האָט אויך אויסגעדרוקט אַ שטאַרקן דאַנק פאַר הר"ר זלמן לייב קאָפּל הי"ו, פון די אָנפירער פון די מהדרין פירמע, וועלכער האָט ברוח נדיבה ובנפש חפיצה מנדב געווען אַ ריזיגן קוואַנטום פון מילכיגס פאַר'ן פרישטאָג, ווי ער טוט שוין מערערע יאָרן ותשואת חן חן לו.

# חברים טראָק גענוצט אַריבערצוציען פאַמיליע נאָכ'ן פאַרלירן היים צו פייער בעפאָר יום טוב פּסח

די נאָבעלע "חברים" אָרגאַניזאַציע האָט זיך אַרויסגעוויזן מיט איר פולער שיין ווען זי איז בליץ שנעל און אָן איינלאַדענונגען אָדער ביטעס געקומען צו הילף אַ פאַמיליע אין צייט פון נויט.

עס האָט פּאַסירט עטליכע טעג בעפאָר יום טוב פּסח העעל"ט, ווען אַ פייער האָט אויסגעבראָכן אין אַ היים אין קרית יואל און עס האָט אָנגעמאַכט שווערע שאָדנס פון וואַסער, און רויך, און די פאַמיליע האָט נישט געקענט בלייבן וואוינען אין די דירה.

עס איז געווען אַ געוואַלדיגער עגמת נפש און עת צָר, און מען קען זיך געוויס פאָרשטעלן וואָס דאָס מיינט פאַר אַ אידישע פאַמיליע צו פאַרלירן דעם דאַך איבער'ן קאָפּ אַזוי בעפאָר פּסח, און דאַרפן פון איין מינוט אויפ'ן צווייטן טרעפן אַ דירה און טרעפן אַ מופינג פירמע וואָס זאָל זיי אַריבערציען.

די "חברים" אָרגאַניזאַציע איז געוואויר געוואָרן פון דעם נויט, און אָן קיין פראַגן האָבן זיי זיך אַריינגעוואָרפן מיט לייב און לעבן אַרויסצוהעלפן די פאַמיליע, מען האָט נישט געשוינט קיין מיה און צייט, מען האָט געמאַכט צענדליגער טעלעפאָן קאָלס און מען האָט געטראָפן אַ פּאַסיגע דירה פאַר די משפּחה.

מיט דעם איז די אַרבעט פון די געטרייע "חברים" מיטגלידער נאָכנישט געווען פאַרטיג, און טראָצדעם וואָס עס האָט פּאַסירט אין די סאַמע פאַרנומענסטע ערב פסח טעג, האָבן זיך וואָלונטירט זעקס וואָלונטירן וועלכע האָבן אַריבערגעברענגט דעם נייעם "חברים" טראָק און האָבן אַריבערגעצויגן די חפצים פון די פאַמיליע פונעם חרוב'ן דירה צום נייעם דירה.

יאָ, מיר מיינען דאָס במלוא מובן המלה, די "חברים" מיטגלידער האָבן געאַרבעט ווי שלעפּערס, און האָבן אַרויסגעפירט אַלע חפצים און מעבל פון די געשעדיגטע דירה, דאָס אָנגעלאָדענט אויפ'ן טראָק און אַרויסגעלאָדענט און פּלאַצירט שיין אין די נייע דירה. דאָס איז געווען אַ ביטער שווערע רוקן-ברעכנדע אַרבעט וואָס האָט גענומען זעקס שעה, דאָס אַלעס האָבן די געטרייע "חברים" מיטגלידער געטאָן בסבר פּנים יפות, מיט אַ אידישן ברען פון גמילות חסדים, בלי שום תשלום גמול.

דאָס האָט ווידעראַמאָל אַרויסגעוויזן די הערליכקייט פון די "חברים" אָרגאַניזאַציע, וועלכע באַשטייט פון יונגעלייט מיטגלידער וועלכע האָבן אַ וואַרעם האַרץ און זענען גרייט אַלעמאָל צו העלפן אידן אין צייט פון נויט, אַפילו אין די ברענענדיגסטע צייטן פון יאָר.

# הונדערטער איינוואוינער און געסט געניסן פון חברים וואַסער אַפּעראַציע פאַרגאַנגענעם יום טוב שבועות

א געהויבענער יו"ט שבועות האבן תושבי קרית יואל דורכגעלעבט. איינע פון די הויפּט אַפּעראַציעס פאַר'ן יום טוב שבועות איז דאָס צושטעלן וואַסער סטאַנציעס אין פאַרשידענע עקן פון די שטאָט.

יום טוב שבועות איז געווענליך שוין טיף אין זומער און עס איז גוט הייס, און אין שטאָט קומען צו פאָרן הונדערטער געסט וואָס קומען זיך מסתופף זיין בצלא דמהימנותא כ"ק אדמו"ר שליט"א, און אַפילו איינוואוינער פון די עקן שטאָט וואָס דאַווענען געווענליך אין זייערע לאָקאַלע בתי מדרשים איז ווען עס קומט דעם יום טוב שבועות שלעפּט מען זיך אַראָפּ ביי די תפילות אַ ווייטן וועג צום גרויסן ביהמ"ד וואָרום דעם וואַרעמען שבועות דאַווענען וויל קיינער נישט פאַרפאַסן, און יעדער וויל שפּירן אַ טעם פון קבלת התורה און הערן דעם אקדמות.

דערפאַר האָט די חברים אָרגאַניזאַציע שוין עטליכע יאָרן די חזקה אויפצושטעלן די וואַסער סטאַנציעס מיט פרישע קאַלטע וואַסער גרייט פאַר מענטשן וואָס גייען דורך צו קענען כאַפּן אַ טרונק וואַסער און זיך שטילן דעם דורשט.

עס איז ספּעציעל וויכטיג פאַר מיטליאָריגע און זקנים וואָס קענען גרינג אויסגעטרוקענט ווערן פון די היצן און ספּעציעל מאַמעס מיט קליינע קינדער וועלכע געניסן שטאַרק פון אָט דעם סערוויס.

דאָס אָנפירן מיט די וואַסער אַפּעראַציע איז נישט קיין קלייניגקייט, מען דאַרף קויפן און איינרישן די טענטס און איינקויפן און אָפּליפערן די באַקסעס וואַסער צו אַלע ערטער און צושטעלן די וואַסער אַמפּערס וואָס מען טוט דערפון אָנשעפּן און אנגרייטן גענוג וואַסער גלעזלעך.

אויך דאַרף מען אָרגאַניזירן ביי יעדן אָרט אַ קבוצה פון די שכנים וועמענס אויפגאַבע איז זיך אָפּצוגעבן מיט'ן וואַסער סטאַנציע אין לויף פונעם גאַנצן יום טוב, די געטרייע אידן גיבן זיך געטריי אָפּ מיט די וואַסער דורך זיכער מאַכן אַז עס איז דאָ גענוג וואַסער און אויך ברענגען פרישע גלעזלעך וכדומה און טאָן אַלעס וואָס פעלט זיך אויס.

די חברים אָרגאַניזאַציע האָט אָפּגעגעבן אַ גרויסן דאַנק פאַר די ווילידזש פירערשאַפט וואָס האָבן זיך בחפץ לב צוגעשטעלט צו די חברים אָרגאַניזאַציע זיי צו העלפן מיט די מיסיע צו געבן וואַסער פאַר אידישע קינדער, דורך צושטעלן אַ גרויסע סומע געלט וואָס איז גענוצט געוואָרן איינצוקויפן צענדליגער נייע שטאַרקע טענטס, וועלכע זענען גרעסער ווי די וואָס איז ביז יעצט גענוצט געוואָרן, און איז מער דויערהאַפטיג, און וועט זיין מער באַקוועם פאַר די וואַסער באַנוצער. בשם כל תושבי קרית יואל דרוקט מען אויס אַ דאַנק פאַר די געטרייע ווילידזש פירער, ותשואות חן חן להם.

# אַ באַזוך אינעם "רעסקיו טראָק"

(פאַרזעצונג פון זייט 9)

וכדומה, און פאַר אַנדערע צוועקן. אויך געפינט זיך אין דעם קאַמער אַן אַמפּער מיט איינזאַפּנדיגע שטויב וואָס מען נוצט אין פאַל פון אַן אויסגוס פון אויל אָדער גאַזאָלין אויפ'ן שאָסיי, איינצוזאַפּן דאָס אויסגעגאָסענע אַז עס זאָל נישט מאַכן קיין געפאַרפולע גליטש סיטואַציע אויפ'ן שאָסיי.

"וואָרום דאָס וואָרט "רעסקיו" נעמט אין זיך אַריין גאָר אַסאַך, עס קען מיינען אַן עקסידענט סצענע מיט אַ קאַר, באָס אָדער טראָק, אַ קאַר וואָס פאָרט אַריין אין אַ גרוב, אָדער אין אַ מאַראַסטיגן זומפּ, אָדער רח"ל אין וואַסער אַריין. אַמאָל קען דאָס זיין אַ קינד וועלכע דאָס קעפּל איז שטעקן געבליבן צווישן די העלצלעך פונעם קריב, אָדער אין אַ געיט. אָדער אַפילו ווען אַ קינד'ס פינגערל בלייבט שטעקן אינעם לעכל פונעם פושקע.

*

ר' יושע ווערט פאַרטיג און פאַרמאַכט דעם ערשטן קאַמער, ער עפענט דעם צווייטן און אויפ'ן אויבערשטן פּאָליצע איז עפּעס אַ פאַרדעכטיגטן פּעקל איינגעוויקלט אין אַ גרעי זאַק.

"וואָס איז דאָס?", פרעג איך, "איז דאס דער טויטער קערפּער וואָס אידן נוצן דעם בלוט פאַר די מצות?"...

"ניין" זאגט ר' יושע, "דאס איז א שיף".

"וואָס דאַרף מצילי אש אַ שיף?", פרעג איך, "מען נעמט אַמאָל די וואָלונטירן פאַר לוסט רייזעס זיך אויסצוטשוכענען נאָך אַ טרואַמאַטישע 'רעטונג' איבערלעבעניש?"

"ניין" זאָגט ר' יושע, "די שיף איז געמאַכט גרייט צו ראַטעווען מענטשן אין פאַל זיי פאַלן אַריין אין טייך, 'ים רעסקיו' ווערט די מסכתא גערופן, די שיף איז געמאַכט פון ראָבער און מען בלאָזט דאָס אויף און מען נוצט דאָס".

"כ'שטעל זיך פאָר אַז מען דאַרף מינימום 20 מצילי אש וואָלונטירן זיך צו שטעלן אין אַ רייע און בלאָזן און בלאָזן אַז די שיף זאָל זיך אויפבלאָזן, דאָס איז אַן אָפּמוטשענדיגע אַרבעט, נישט אומזיסט מוזן קינדער אַזויפיל מוטשן דעם טאַטן אויפצובלאָזן באַלונס" זאָג איך פאַר ר' יושע.

"ניין" זאָגט ר' יושע, "מען שטעלט זיך נישט ביי אַ רעטונגס סצענע בלאָזן מיט'ן מויל און אויך נישט מיט אַ קאָמפּרעסאָר, נישטאָ קיין צייט דערצו, יעדע סעקונדע ציילט, מען נוצט די פייערלעשער לופט טאַנקען און ביז אַ מינוט אויפ'ן זייגער איז די שיף אויפגעבלאָזן און גרייט צום באַנוץ".

"אגב די שיף איז נישט פאַר קיין לוסט-רייזעס וואָרום עס האָט נישט קיין מאָטאָר און מען מוז נוצן פּעדעלס אַרויסצופאָרן אין וואַסער" לייגט צו ר' יושע.

*

בליקנדיג ווייטער אויף די פּאָליצעס פונעם צווייטן קאַמער זעט מען פאַרשידענע טולס וואָס מען האַלט גרייט, עס געפינט זיך דאָרטן אַ טול-באַקס מיט אַלערליי געוועגליכע טולס און אויך דרילערס, זעגן וכדומה.

אין אַ זייט איז פאַרפאַקט נאָך אַ זעקל, "וואָס איז דאָס?" פרעג איך.

ר' יושע ענטפערט מיט געדולד פון אַ פאָטער וואָס ערקלערט זיין קליין קינד עפּעס, זאָגנדיג: "דאָס איז אַ העליקאָפּטער לאַנדונג זאָנע קיט, עס אַנטהאַלט די ספּעציעלע באַלייכטערס וואָס מען דאַרף אַראָפּשטעלן ביינאַכט צו סיגנאַליזירן אַ העליקאָפּטער וואו צו לאַנדן און אויך די גרויסע H בוכשטאַב אינדערמיט, (נישט קלאָר צי די H בוכשטאַב איז פאַר Helicopter אָדער פאַר Here).

ווען כ'האָב זיך אָנגעטראָגן פאַר ר' יושע צו באַקומען די פּאָזיציע פון שטיין ביים העליקאָפּטער לאַנדונג סצענע און פאָכען מיט די לייט שטעקענעס צו סיגנאַליזירן דעם פּילאָט, האָט ר' יושע געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ מיט אומצופרידנהייט, אָבער האָט נישט קאָמענטירט.

אויך, לויט אונזערע נאָכפראַגעס זענען נישטאָ קיין העליקאָפּטער פּילאָטן אויפ'ן שטאַב פון די מצילי אש פייער דעפּאַרטמענט.



אָבער אַזויפיל זעען די ליבע ליינערס אַז מען האָט פון גאָרנישט פאַרגעסן, אַלע רעסקיו געברויכן פון גרויס ביז קליין געפינען זיך אין דעם פּירקאַנטיגן טראָק.

לאָמיר ווייטער פאָרזעצן.

*

פון הונטן פונעם טראָק איז דאָ אַ לאַנגער קאַמער ווי אַ גרויסער פלאַכער לעדל, דאָרטן געפינען זיך עפּעס ראָבערנע קישענעס.

"וואָס איז דאָס?", פרעג איך ר' יושע, איז דאָס אפשר לופט מאַטראַצן פאַר עמוירדזשענסי האַוזינג פאַר די וואָס בלייבן אָן אַ דאַך איבער'ן קאָפּ נאָך אַ שריפה, אָדער איז דאָס פאַר פייערלעשערס וואָס כאַפּן אַ דרימל זיך אָפּצורוען?

"מען קען עס אויך נוצן פאַר דעם" ענטפערט אונז ר' יושע מיט זיין כאַראַקטעריסטישן רואיגן שטימע, "אָבער דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש, עס איז 'ליפטינג באַלונס', דאָס הייסט 'אונטערהייבן באַלונען'".

יאָ, פּשוט אַזוי, ווען מען דאַרף אונטערהייבן אַ קאַר אָדער סיי וואספארא געגנשטאַנד אַרויסצושלעפּן אַ פאַרכאַפּטן קרבן עס זאָל נישט פאַסירן, גליטשט מען אַריין דעם פלאַכן באַלון אונטער'ן אויטאָ, און דאַן טשעפּעט מען צו דעם לופט סיסטעם פונעם "רעסקיו טראָק" און מען בלאָזט אויף דעם באַלון און דאָס הייבט אונטער דעם קאַר-טראָק וכדומה.

מען האט פיר "הייבן באַלונען", צוויי קענען הייבן 86 טאָן, און נאָך צוויי קלענערע וואָס קענען איטליכער הייבן 40 טאָן.

אינעם פריערדיגן קאַמער וואָס מיר האָבן באַזוכט איז דאָ אַ זילבערנער רענצל, וואָס קוקט אויס ווי עפּעס וואָס אַנטהאַלט אַ מוזיקאַלישע אינסטרומענט, אָבער באמת אַנטהאַלט דאָס די שלויכן און צוגעהערן פאַר די באַלון הייבן סיסטעם.

*

קוקנדיג אינעם קאַמער זעט מען היבש אַסאַך סוכה שלעקער, בלויע און גרינע.

"וואָס איז דאָס?" פרעג איך ר' יושע, "דאָס איז זיכער אַ ספּעציעלער פּראָגראַם צו טיילן אומזיסטע סוכה שלעקער פאַר די מצילי אש וואָלונטירן אַלס הכרת הטוב פאַר זייער געטרייע אַרבעט, כ'מיין פאַרוואָס זאָלן נאָר "חברים" מיטגלידער באַקומען קיופּאַנס לכבוד יום טוב?"

"ניין" זאָגט ר' יושע, "די שלעקער זענען געמאַכט אויסצושפּרייטן אויף די פּאָדלאָגעס ביים לעשן אַ פייער אַז די אונטערשטע שטאָקן זאָלן נישט געשעדיגט ווערן פון וואַסער שאָדנס".

"גאַנץ אינטערסאַנט" זאָג איך, "דוכט זיך אַז אַמאָליגע צייטן ווען ליידער עס פלעגן פאַסירן מער פייערס אין קרית יואל און עס איז געווען מער אָפּט צו קענען שטיין שעה'ן און באַטראַכטן די מאַמבאַשאַ פייערלייט ביי די אַרבעט, האָבן זיי זיך נישט אויסגעצייכנט מיט זיין סענסיטיוו צו די שאָדנס צום אָרט, זיי האָבן געהאַקט און געזעצט און געשפּריצט וואַסער אָן קיין פּראָבלעם, און בכלל ווי האָט מען צייט אין ברען פון אַ שריפה ווען מען איילט זיך צו לעשן די פלאַמען, אויסצושפּרייטן שלעקער?"

"ריכטיג" זאָגט ר' יושע, "מען דאַרף טאַקע לעשן דעם פייער, אָבער אונזערע וואָלונטירן זענען טרענירט און קענען טאָן ביידע, סיי שפּריצן און סיי באַשיצן, און אוודאי איז דאָס נישט שייך אַלץ און איבעראַל, אָבער מען האָט דאָס גרייט און מען פּרובירט ווי ווייט מעגליך צו מינימיזירן די שאָדנס פון די פייערלעשער אָפּעראַציעס, עס רעדט זיך דאָך פון אידישע האָב און גוטס".

*




ר' יושע עפנט אונז דעם קומענדיגן קאַמער, און עס האָט עפּעס אַ געשטעל פון רינכיגע סטאָרעדזש פאָרמען אַזוי ווי אַ וויין קעלער, און דערינען ליגן די לופט טאַנקען וואָס די פייערלעשערס נוצן צו אָטעמען.

ר' יושע ערקלערט אונז אַז דאָס זענען "ספּעיר לופט טאַנקען" וואָס פייערלעשער נוצן און טראָגן אויפ'ן רוקן און דאס איז אויסער די לופט טאַנקען וואָס זענען גרייט אויף יעדן פייער טראָק זעלבסט.

די טאַנקען זענען פון "פייבערגלעז", וואָס וועגן בלויז האַלב ווי די אַמאָליגע אייזערנע לופט טאַנקען, און אַזוי קען מען אַרבעטן אין רויך סיטואַציעס און לעשן דעם פייער אָן געשעדיגט ווערן.

"פאַר ווי לאַנג גיבן די טאַנקען לופט צום אָטעמען?" פרעג איך.

"בלויז 20 מינוט", קומט דער ענטפער.

"פאַרוואָס אַזוי ווייניג? פאַרוואָס נוצט מען נישט די טאַנקען וואָס גיבן 45 מינוט אָדער אַפילו אַ שעה?" פרעג איך.

דאָס איז אַ זיכערהייט פונקט, ערקלערט מיר ר' יושע, כדי פייערלעשער זאָלן נישט צי לאַנג אַרבעטן ביים לעשן און ווערן ערשעפּט און חלילה זיין אין אַ סכנה, ליבערשט זאָל מען זיין געצוימט צו אַרבעטן בלויז 20 מינוט און אָפּטרעטן און גיבן דעם אָרט פאַר אַ צווייטן און זיך אָפּרוען, דאָס איז נישט קיין גרינגע אַרבעט צו לעשן אַ פייער זייענדיג אָנגעטאָן מיט די פייער מונדירן און די פייער שטיוול און האַלטן דעם שווערן פּרעשורדיגן פייפ און אויסשטיין די היץ פון די פייער און אָטעמען פונעם לופט טאַנק.

*

אינעם דערבייאיגן קאַמער איז דאָ צוויי גרויסע געלע לופט טאַנקען וואָס אַנטהאַלטן די ריינע לופט אָנצופילן די פייערלעשער לופט טאַנקען (גערופן "עס. סי. בי. עי." טאַנקען). עס נעמט אַכט מינוט אָנצופילן אַ טאַנק דורך דעם סיסטעם, קעגן דעם הויפּט סיסעטם וואָס מען האט אינעם גאַראַדזש וואָס קען אָנפילן אַ טאַנק אין אַ מינוט.

די געלע טאַנקען נוצן נישט סתם לופט וואָס מען נוצט פאַר קאַר רעדער, עס מוז זיין סטעריליזירטע ריינע לופט פּאַסיג צום אָטעמען פאַר מענטשן. די געלע לופט טאַנקען ווערן פעריאָדיש אָנגעפילט דורך דעם הויפּט לופט אָנפילן סיסטעם אינעם פייער גאַראַדזש.

אינעם קאַמער איז אויך דאָ דער קאָנטראָל פּאַנעל סיסטעם וואָס קאָנטראָלירט דעם סטאַטוס פונעם לופט סיסטעם און דאָס אָנפילן די לופט טאַנקען פאַר די פייערלעשער. עס אַנטהאַלט אויך אַ ראָלקע מיט אַ שלויך פון 300 פיס לאַנג וואָס מען קען אויסציען און צוטשעפּען צום רוקן פון אַ פייערלעשער וואָס שטייט און לעשט אַ פייער און אים אַזוי געבן לופט דירעקט פונעם פייער טראָק.

איר זעט: מען איז אויסגערעכנט און גרייט פאַר יעדן עווענטואַליטעט.

*

"פאַרוואָס זענען טייל טאַנקען אַריינגעלייגט אין די ווייַן פלאַש רעק פּאָליצעס מיט'ן פנים אַריין און אַנדערע מיט'ן פנים אַרויס"? פרעג איך ר' יושע, נישט וויסנדיג אַז איך טרעט אויף עפּעס האַקל.

"די טאַנקען מיט'ן רעגולעיטאר צו אונז, דאָס מיינט מיט'ן פנים אַריין, מיינט אַז עס איז ליידיג און מען דאַרף דאָס צוריק אָנפילן, דאָס איז אַ וויכטיגע זאַך, ביי אַ פייער סצענע קען מען זיך נישט שטעלן שפּילן אָנצופילן די לופט טאַנקען, מען דאַרף אַלץ האָבן אַלע לופט טאַנקען אָנגעפילט, סיי די געוועגליכע און סיי די רעזערוו וואָס מען האַלט אינעם "רעסקיו טראָק".

"דעריבער ווען אַ לופט טאַנק ווערט אויסגענוצט און מען דאַרף דאָס פריש אָנפילן לייגט מען דאָס אַזוי אַריין, און דאָס דערמאַנט אַז ביים אָנקומען צוריק אין סטאַנציע דאַרף מען דאָס אָנפילן. יעצט ווי עס שטעלט זיך אַרויס האָט דער וואָס האָט דאָס געדאַרפט טאָן פאַרגעסן דאָס צו טאָן.

ר' יושע איז אויף אַ ווייַלע ערנסט געוואָרן, דער פנים איז אים געוואָרן פאַרכמורעט און אויפ'ן שטערן האָט זיך פאָרמירט טיפע קנייטשן, דער איבערבראָך אין דיסציפּלין האָט אים שטאַרק געשטערט, וואָס ווי באַקאַנט פירט ר' יושע דעם פייער דעפּאַרטמענט ווי אַ קאָמאַנדיר מיט אַ שטאַרקן דיסציפּלין, ווי פאַרשטענדליך מוז מען האַלטן שטרענג קאָנטראָל, וואָרום ביי הצלות נפשות קען מען זיך נישט שפּילן, אַלעס מוז זיין קאָרעקט.

ר' יושע האָט אויפגעהויבן דעם טעלעפאָן און האָט געמאַכט אויספאָרשונגען. ביי דעם פונקט האָט ר' יושע אונז אַרויסגעשיקט און מיר האָבן נישט געקענט ווייטער מיטהאַלטן.

אינעם זעלבן קאַמער געפינט זיך אויך די אָראַנדזש טראַפיק קאָנטראָל קאָונס, נאָך זעגן צו שניידן מעטאַל, קייטן מיט מעכאַניזמען צוזאַמצושלעפּן צוויי געגענשטאַנדן, געצייג צו עפענען און פאַרשפאַרן וואַסער מעינס, גאַז מעינס, פייער הײדרענדס וכדומה.

טיף פאַרשטעקט אינעם קאַמער און האַלב קאַמופלאַזשירט געפינען זיך עטליכע "בעדבאָורדס" געמאַכט צו לייגן געניאַק און רוקן געשעדיגטע פּאַציענטן ווען מען שלעפּט זיי אַרויס פון אויטאָס. ר' יושע האָט נישט געוואָלט ערקלערן

(פאַרזעצונג אויף זייט 12)

# אַ באַזוך אינעם "רעסקיו טראָק"

(פאַרזעצונג פון זייט 11)

פאַרוואָס די "בעדבאָורדס" ליגן אַזוי פאַרשטעקט, אָבער מיר גלויבן אַז עס איז כדי צו פאַרמיידן אַן 'עין הרע' פון די גוי'אישע "אי. עם. טי." באַאַמטע ביי עקסידענט סצענעס וואָס גלייכן נישט אַז די פייערלעשער דרינגען אַריין אין זייער 'טעריטאָריע'.

*

דאָס אַלעס וואָס מיר האָבן געשילדערט ביז אַהער, איז בלויז די דרייוועור זייט פונעם "רעסקיו טראָק", און דאָס אַליינס פאַרקערפּערט שוין אין זיך אַ געוואַלד מיט הצלת נפשות געצייג, אָבער מען איז נאָכנישט פאַרטיג, ר' יושע פירט מיך אַריבער צום אַנדערן זייט טראָק, און זאָגט אַז ערשט יעצט קומט דאָס ריכטיגע.

מיר טרעטן צו צום ערשטן קאַמער אונטער די פּאַסאַזשיר זייט און מען עפענט דאָס אויף, אינעווייניג ליגט עטליכע פענס, געמאַכט אַרויסצוציען דאָס רויך פון הייזער וואו מען האַלט אינמיטן לעשן דאָס פייער, כדי מען זאָל קענען קלאָרער זען וואָס טוט זיך, טייל פענס זענען געמאַכט אַריינצושטופּן ריינע לופט פונעם גאַס אינעם פאַררויכערטן היים אַריין (אַנשטאָט אַרויסצושטופּן לופט).

דערנעבן אינעם קאַמער געפינט זיך אַ צאָל שטאַנגען וואָס זענען געמאַכט צו פאַרלייכטערן ווען עמיצער איז אין אַ געדרוקטע לאַגע צב"ש אַז עמיצער איז רח"ל צוקוועטשט צווישן די ברוכוואַרג פון אַ צוזעצטע אויטאָ אָדער אַ צוזעצטע געביידע, האָט מען אַזעלכע שטאַנגען וואָס מען קען אויסציען דורך הײדראַליקס, דאָס הייסט "הײדראָליק רעמס" וואָס דערמיט קען מען אויסברייטערן און מאַכן פּלאַץ צום אָטעמען.

די מצילי אש פייער דעפּאַרטמענט האָט דאָס אין דריי סייזעס, קליין, מיטלמאָסיג און גרויס, יעדעס געמאַכט צו נוצן אין אַנדערע סיטואַציעס.

און יאָ, אויך דאָ אינעם קאַמער איז דאָ נאָך אַ צירקולער זעג צו זעגן אייזן אין פאַל מען דאַרף אויפשניידן אַן אויטאָ, דאָס מיינט אַז די "רעסקיו טראָק" טראָגט פיר אַזעלכע זעגן כדי ווען מען דאַרף ראַטעווען מענטשן ביי אַן עקסידענט סצענע אין וועלכע מערערע אויטאָס זענען פאַרמישט זאָל מען קענען גלייך האַקן און שניידן און נישט דאַרפן פאַרברענגען קיין איבריגע צייט, וואָרום ביי הצלת נפשות שפּילט יעדע סעקונדע אַ ראָלע.

*

ר' יושע ווענדט אונזער אויפמערקזאַמקייט צום קומענדיגן קאַמער וועלכע האָט גרויסע לעדלעך וואָס מען קען אַרויסציען און גרויסע פּאָליצעס און אויף זיי ליגן מאָדנע "טאָרטור געצייג", עפּעס ווי פון די צייטן פונעם אינקוויזיציע, זיי קוקן אויס ווי גרויסע שערלעך מיט מאַסיווע הײדראָליק פּייפּס צוגעטשעפּעט.

"וואָס איז דאָס?", פרעג איך אַ נייגעריגער, "אפשר נוצט מען דאָס ווען עמיצער איז נישט וואויל, אָדער אָפּצושניידן די נעגל פון עלעפאַנטן?"

"ניין" זאָגט ר' יושע, "דאָס הייסט די דזשאָוס אָוו לייף".

"וואָס מיינט דאָס?", פרעג איך, "עפּעס אַ דזשוס וואָס מאַכט לעבעדיג און ברענגט צוריק באַוואוסטלאָזיגע צום באַוואוסטזיין?"

"ניין" זאָגט ר' יושע, "דאָס זענען ספּעציעלע כלים געטריבן דורך הײדראָלישע קראַפט וואָס קענען דורכשניידן מערערע שטיקער אייזן אויפאַמאָל אַזוי ווי אַ שאַרק פיש וואָס גיט אַ געזונטן בייס אַריין, די מאַשינען זענען געמאַכט שנעל אויפצושניידן אויטאָס אין פאַל מען דאַרף אַרויסראַטעווען מענטשן".

די "דזשאָוס אָוו לייף" ווערן פיל גענוצט דורך פייערלעשער אין גאַנצן לאַנד און קענען בליץ שנעל זיך אַן עצה געבן מיט אַ פאַרקלעמטן צוזעצטן אויטאָ, ביז מינוטן שניידט מען אַראָפּ אַלעס וואָס שטייט אין וועג. צומאָל שניידט מען דורך טאָטאַל אַלע פיר ווינקלען פונעם אויטאָ און מען נעמט אַראָפּ דעם גאַנצן דאַך, אַזוי ווי מען עפענט אַ קען טונאַ, און מען ראַטעוועט אַרויס די פאַרוואונדעטע.

די "רעסקיו טראָק" האָט אינעם קאַמער פיר פון די "דזשאָוס אָוו לייף" טולס, צוויי זענען געמאַכט צו שניידן און אַריינבייסן אין מעטאַל, די אַנדערע צוויי זענען געמאַכט צו צעשפּרייטן, ווען מען דאַרף צעשפּרייטן פאַרקלעמטע צוזעצטע מעטאַל ביי אַן עקסידענט.

די מאַשינען ליגן אינעם פּאָליצע גרייט און קאָנעקטעד צום גענעראַטאָר פונעם טראָק וואָס די עלעקטעריק טרייבט דעם הײדראָלישן סיסטעם פון די "דזשאָוס אָוו לייף", דאָס מיינט אַז ביים אָנקומען צום עקסידענט סצענע איז מען גרייט גלייך זיך צו נעמען צו די אַרבעט, און מען קען זיך ספּראַווען מיט אַן עקסידענט סצענע מיט מערערע צעקלאַפּטע אויטאָס און מערערע פאַרוואונדעטע וואָס מען דאַרף אַרויסראַטעווען.

מען קען אויך פונעם טראָק אַרויסשלעפּן אַ פּאָרטעבל דזשענערעיטאָר, מיט אַ הײדראָלישן סיסטעם, כדי צו קענען נוצן די "פּאָרטעיבל דזשאָוס אָוו לייף" וואָס מען האט אַלס ערזאַץ, צו נוצן אין פאַל מען קען נישט דערגרייכן מיט די קאָנעקטירטע מאַשינען ביז צום אָרט וואו מען דאַרף זיי נוצן.

די "רעסקיו טראָק" טראָגט אויך מיט זיך ספּעציעלע שניידערס וואָס זענען געמאַכט פאַר ספּעציעלע צוועקן, צב"ש אָפּצושניידן דעם "סטירינג וויל" אין פאַל עס קוועטשט עמיצן צום האַרצן נאָך אַן עקסידענט רח"ל, אויך ווען די פוס פונעם געשעדיגטן איז רח"ל פאַרהאַנקערט אינעם גאַז פּעדעל אָדער דעם סטאַפּ ברעיק.

אויך איז דאָ אַ קעסטל מיט ספּעציעלע געצייג אויסצוהאַקן פענסטערס אויף אַ וועג נישט צו שעדיגן די אָקופּאַנטן אינעם אויטאָ, און ספּעציעלע געצייג אַרויסצושניידן און אַראָפּנעמען דעם פאָדערשטן פענסטער פון אויטאָס בהעלם אחת.

*

ר' יושע עפנט אונז די לעדלעך אינעם דערנעבנדיגן קאַמער און עס ווערט אונז שוואַרץ פאַר די אויגן, די לעדלעך אַנטהאַלטן אַ זאַמלונג פון כלי משחית וואָס וואָלט נישט פאַרשעמט די געלונגענסטע רויבער באַנדע.

עס אַנטהאַלט אַלערליי כלי משחית איינצוברעכן און אויפצורייסן, נעמליך עטליכע אויסגעשאַרפטע העק; גרויסע האַמערס וואָס מען נוצט אריינצוהאַקן 2 פיסיגע טשוועקעס אין קאַנקריט; סלעדזש האַמערס; קראָו-באַרס; שלאָס און קייטן שניידערס (באָלט קאַטערס); אַלערליי מינים פון די פייערלעשער העק וואָס מען רופט "העלאָגען טולס" ועוד ועוד. (לויט היסטאָריקער שטאַמט דאָס וואָרט ווייל די העק פלעגן די "כוליגאַנעס" נוצן און אין ענגליש ווערט די כ' און ח' פאַרטוישט פאַר אַ ה').

אויך איז דאָ אַ דיקער שוואַרצער רינדעכיגער אייזן, וואָס רופט זיך "דער איינברעכער", עס איז אַזוי שווער אַז צוויי מענטשן דאַרפן דאָס האַלטן, עס איז געמאַכט אויפצוברעכן טירן, און אַפילו ציגלנע ווענט, דאָס נוצן פּאָליצייאישע "סוואַט טיעמס" ביים זיך איינברעכן אין היימען פון פאַרברעכער, און די מצילי אש נוצט דאָס אין פאַל פון נויט. (לויט אונזערע אינפאָרמאַציע דאַרף די מצילי אש נישט קיין געריכטליכן "סוירטש וואָרענט" און מוזן נישט צערעמאָניעל אויסשרייען פאַר'ן איינברעכן: "פּאָליציי", "פריז", "הענט אין דער הייך").

אַז איר ווילט אַ שטיקל בילד וויאַזוי דער אינהאַלט אינעם לעדל קוקט אויס, מאָלט זיך אויס וויאַזוי עס האָט אויסגעקוקט ווען די פויערן זענען געקומען צו גיין מיט העק, מעסערס און שווערדן, אָפּצורעכטן אַ פּאָגראָם רח"ל.

עס גלויבט זיך אַז ווען די אידן אין כעלעם וואָלטן געהאַט צוטריט צום מצילי אש "רעסקיו טראָק", וואָלטן זיי זיך נישט געדאַרפט באַהאַלטן אינעם ווייבער שול אונטער די לאָדנס פון די היימען זיך צו ראַטעווען פון די פּאָגראָמניקעס.

*




עפּענענדיג דעם קומענדיגן קאַמער זעט מען אַ מאָדנעם בילד, פּירקאַנטיג געשניטענע העלצער געלייגט איינע אויפ'ן צווייטן.

"וואָס איז דאָס ר' יושע?" פרעג איך, "זיכער לייגט איר זיך אָס אַוועק צו הייצן די דירה אין ווינטער".

מאָדנע איז אַז יעדעס העלצל האָט אַ סחורה'נעם הענטל, "וואָס פעלט דאָס אויס?" טראַכט איך, "עס ווערט דאָך ממילא פאַרברענט אין פייער פלעיס".

"דאָס איז 'קריבינג'" ענטפערט ר' יושע.

"קריבינג?", "וואָס מיינט דאָס", "מען בויט דערפון אַ בעיבי קריב?"

ניין זאָגט ר' יושע, ווען מען דאַרף סטאַבּיליזירן אַן אומסטאַבּילן אָרט, אַן איבערגעדרייטע קאַר, אַ האַלב צוזאַמגעפאַלענע געביידע, ועוד ועוד, לייגט מען אונטער די העלצער כדי אַז ווען מען אַרבעט אויפ'ן קאַר אַרויסצושלעפּן די פאַרוואונדעטע זאָל זיך דאָס נישט וואַקלען און זיך גליטשן וואָס קען שעדיגן די רעטער און אויך די וועמען מען ראַטעוועט.

אויך דורך "קריבינג" קען מען אונטערהייבן קאַרס און אַנדערע משאות, דורך זיי נוצן אינאיינעם מיט די "לופט באַלונס", אָבער דאָס איז שוין אַ באַזונדערע סוגיא.

אינעם קאַמער איז אויך דאָ אַ ספּעציעלן זאַק צו קענען טראָגן די קריבינג העלצער מערערע אויפאַמאָל דאָרטן וואו מען דאַרף דאָס.

*

אין אַ דערבייאיגן קאַמער איז אויך דאָ אַ לופט קאָמפּרעסאָר מיט אַלערליי צוגעהערן צו קענען קרעפטיגן לופט-געקרעפטיגטע געצייג, מען האט לופט שלויכן, און פאַרשידענע ווייערס.

די קאַמער אַנטהאַלט אויך אַן עלעקטערישער "צוזאַמשלעפּער" סיסטעם וואָס קען צוזאַמשלעפּן צוויי משאות ביז טויזנט פונט, דאָס איז געמאַכט ווען מען דאַרף עפּעס אַרויסשלעפּן פון אַ זומפּ.

אינעם קאַמער האָט מען אויך אַ לופט דזשעק, אַ ווערסיע פונעם באַלון הייבן סיסטעם, עס איז אַ באַלון וואָס מען קען נוצן אויפצוהייבן אויטאָס אַזוי ווי מען טוט מיט אַ געוועגליכן דזשעק, עס קען הייבן ביז 20 טאָן.

אינעם קאַמער איז אויך דאָ "סטעבילייזינג באַרס" און "דזשעקס" צו סטאַבּיליזירן אַן איבערגעדרייטע קאַר ווען עס איז אויף די זייט אז עס זאָל זיך נישט וואַקלען ביי די רעטונגס אַרבעט.

*

איך בין שוין געווען היבש ערשעפּט, עטוואָס הונגעריג, און מעלאַנכאָליש נאָכ'ן דורכגיין די אַלע זאַכן, אָבער ר' יושע איז נאָכנישט פאַרטיג, "אַז דו האָסט געפרעגט וואָס דער "רעסקיו טראָק" באַדייט מוזטו אַלעס זען און וויסן, אַזוי אַז זאָלסט קיין פראַגן מער נישט האָבן", זאָגט ער.

ער פירט מיך אַריין אינעם "רעסקיו טראָק" זעלבסט, אינעווייניג איז דאָס אַ קאָמענד צענטער, עס האָט אַן אָרט אויסצושפּרייטן מאַפּעס און בלו פּרינטס פון געביידעס כדי אויסצואַרבעטן א סטראַטעגיע וויאַזוי צו לעשן אַ שריפה.

עס האָט אויך באַלייכטונגען צו קענען אַרבעטן, און היץ און עיר קאָנדישאָן, אַ לאַנגער באַנק איז אויף די גאַנצע לענג פונעם טראָק אַזוי אַז די פייער קאָמאַנדירן זאָלן קענען רואיג אַרבעטן.

אויך האָט דאָס אַן אָרט צו טשאַרדזשען די ראַדיאָ בעטעריס, און די ראַדיאָס צו קענען קאָמוניקירן, מען האָט אויך צוגעגרייט אַ רייע האַנט-געהאַלטענע הויכהילכערס צו קענען קאָנטראָלירן די מאַסן ביי אַ פייער סצענע אָדער אַ רעסקיו פּאַסירונג.

די "רעסקיו טראָק" קאָמענד צענטער איז געאייגנט צו נוצן ביי אַ גרעסערע שריפה אָדער עקסידענט סצענע, עס זאָל חלילה נישט פּאַסירן, וואָס מיט'ן צענטער קען מען לאַנג פאַרברענגען ביים אָרט און זיך האַלטן פריש און קענען ענערגיש אָנגיין מיט די רעטונגס אַרבעט.

לענגאויס דעם באַנק העכער דעם איז דאָ פינף גרייטע לופט טאַנקען סיסטעמען וואָס די פייערלעשער קענען זיך צוזעצן און באַלדיג אָנלאָדענען אויף די פּלייצעס. דאָס איז געמאַכט צו נוצן אין פאַל די געוועגליכע לופט טאַנקען נוצן זיך אויס. אויפ'ן וואַנט איז אויפגעהאָנגען פלעשלייטס גרייט צום באַנוץ.

די קעבינעטס אינעם "רעסקיו טראָק" זעלבסט זענען אויך אָנגעשטאָפּט מיט אַלערליי קלענערע הצלות נפשות צוגעהערן, נעמליך בוסטער קעיבלס; סעיפטי דזשעקעטס, אַז פייערלעשער זאָלן זיין אָנזעעבאַר ביינאַכט; ספּעציעלע אויגן שוץ גלעזער (גאַגעלס); פאַרשידענע סאָרט הענטשוך געאייגנט פאַר רעסקיו און אַנדערע

(פאַרזעצונג אויף זייט 27)



# שערי חמלה און קרית יואל סקול דיסטריקט

## גרויס שמחה פאר תלמידים פון "שערי חמלה" מיט נייעם הערליכן "טעראפיוטיקעל פלעיגראונד "

א גרויסע שמחה הערשט ביי די טייערע קינדערלעך פון "שערי חמלה" אויף דינוב ראוד, נאכדעם וואס עס איז צושטאנד געקומען זייער לאנגיעריגער ווּאונטש און עס איז ענדליך אהערגעשטעלט געווארן א נייער הערליכער "טעראפיוטיקעל פלעיגראונד" וואס איז ספעציעל געבויעט געווארן נאכצוקומען די געברויכן פון די טייערע ליכטיגע קינדערלעך.

די טייערע תלמידים 'טאנצן און שפרינגען' פאר פרייד, כמשמעו וכמדרשו, און זענען גאר שטארק דאנקבאר פאר די הנהלה פון "שערי חמלה" פאר'ן נאכקומען זייער פארלאנג און צושטעלן דעם הערליכן שפיל-הויף וואו זיי זאלן זיך קענען שפילן און פארברענגען אויף א געשמאקען פארנעם.

דער שפיל-הויף איז ספעציעל דעזיגנירט געווארן נעמענדיג אין באטראכט די ספעציעלע געברויכן פון די באגרעניצטע קינדערלעך, אז דאס זאל דינען סיי אלס א געוועגליכע פארק מיט שפילערייען און סיי אלס פארשידענע סארט טעראפי וואס די קינדער דארפן נעבעך אדורכגיין פאר זייער געזונט.

אינעם פלעיגראונד איז אריינגעשטעלט געווארן ספעציעלע סווינגס, גליטשערס, דרייוערס, טרעפ צו קריכן, פלאץ צו טאנצן, און נאך פילע אקטיוויטעטן, באזונדער פאר גרעסערע קינדער און באזונדער פאר קלענערע קינדער. זעלבסטפארשטענדליך אז אלעס איז אויסגעשטעלט געווארן אויף א ספעציעל זיכערן וועג פאר די מאקסימום סעיפטי פון די טייערע קינדערלעך, לויט די פונקטליכע פארשריפטן פון די רעגירונג.

*

די פלענער פאר אן אייגענעם שפיל-הויף האט זיך אנגעהויבן פארגאנגענעם יאר ווינטער תשע"א, ווען די קינדער – וואס האבן די מעגליכקייט ארויסצוברענגען זייערע פארלאנגען - האבן געבעטן א חנוכה מתנה פון די הנהלה אז מ'זאל זיי צושטעלן אן אייגענעם שפיל-הויף נעבן זייער געביידע, אנשטאט דאס צופארן צו אן אנדער פארק, און אז מ'זאל נישט דארפן פארן אויף ווייטע פלעצער יעדעס מאל וואס מ'וויל זיך גיין אויסלופטערן אויף א גרעסערן פארנעם.

אויך די עלטערן פון די קינדערלעך האבן ארויסגעדרוקט זייער באגער, אז ס'זאל צוגעשטעלט ווערן אויפ'ן פלאץ, אזא סארט שפיל-הויף לטובת די קינדער, פאר זייער הנאה און פאר זייער געזונט.

די הנהלה האט אויפגענומען דעם פארלאנג מיט פארשטענדעניש, אבער ווען מ'האט זיך אראפגעזעצט מיט'ן סקול באורד דורכצושמועסן דעם פארלאנג, האט די סקול באורד זיך נישט געקענט ערלויבן אונטערצונעמען אזא טייערן פראיעקט אויפ'ן חשבון פון די שטייערצאלער, וואס ס'דארף קאסטן כאטש 100,000$ דאס אהערצושטעלן אויפן מינימאלסטן אופן, אין א צייט ווען מ'פלאגט זיך גאר שטארק ארום צו קענען נאכקומען די טאג טעגליכע געברויכן.

די הנהלה האט אבער נישט געהאלטן ביים אויפגעבן. די געטרייע סטעף און מנהלים פון שערי חמלה, מו"ה חיים ידידי' פישער הי"ו און מו"ה אהרן וואלף פאלאטשעק הי"ו, און מו"ה יודא לייביש האלפערין הי"ו, האבן זיך אנגעהויבן אריינצולייגן אין דעם ענין, און געזוכט וואס מ'קען טון נאכצוקומען דעם פארלאנג פון די קינדערלעך, האבנדיג פאר די אויגן דעם שטענדיגן ציל צו טון אלעס אין די וועלט צופרידנצושטעלן די קינדערלעך, אבער אין דעם פאל וואס דאס קאסט אזויפיל געלט דארף מען פרובירן דאס צו שאפן פון אן אנדערן מקור.



א לענגערע צייט האט די הנהלה געזוכט און זיך נאכגעפרעגט דא און דארט, ביז נאך לאנגע חדשים הארעוואניע האט מען אנגעטראפן א וואוילטעטיגע "פאונדעישאן" אין אויסלאנד וועלכע צאלט געלט פאר אזעלכע סארט פראיעקטן. די הנהלה האט אריינגעשיקט אן אפליקאציע צו אט די ארגאניזאציע. נאך א קורצע צייט איז געקומען דער ענטפער אז זיי זענען גרייט אויסצוהערן דעם פארלאנג אבער מ'דארף זיי אריינשיקן א פונקטליכן באריכט איבער דעם סקול, וויפיל קינדער ס'לערנען דא, וואספארא סערוויסעס מ'שטעלט אלץ צו, או"וו, און באזירט אויף די אינפארמאציע וועלן זיי מאכן זייער באשלוס.

די הנהלה און שטאב פון שערי חמלה האבן אריינגעלייגט די פארלאנגטע הארוואניע צוצושטעלן א פונקטליכן און דעטאלירטן באריכט איבער אלעם וואס טוט זיך אפ צווישן די ווענט פון "שערי חמלה", אלע אפטיילונגען, וואס מ'טוט אין יעדן אפטיילונג, וואס מ'האט שוין אויפגעטון אין די פארגאנגענע יארן, און וואס עס זענען די פלענער אויף ווייטער.

מ'האט אריינגעשיקט דעם גאנצן באריכט צו די ארגאניזאציע, און די רעזולטאט איז געווען גאר אן איבערראשענדע. די פירער פונעם ארגאניזאציע זענען געווען גאר שטארק צופרידן פון אלע אויפטוען ביז אהער, און עס האט געשאפן א געוואלדיגע קידוש ה' ווי מסודר'דיג און געניט דער סקול ווערט געפירט. די ארגאניזאציע האט געזאגט אז זיי קענען נעמען אין באטראכט צו צאלן פאר דעם פראיעקט, און געבעטן פון די סקול דיסטריקט אריינצוגעבן פונקטליך וואס זיי פלאנירן צוצושטעלן אין דעם שפיל-הויף, כדי מ'זאל זעהן וויפיל ס'דארף צו קאסטן און וויפיל זיי זענען גרייט צו צאלן.

*

גלייך ווען מ'האט באקומען זייער באשטעטיגונג, האט די הנהלה זיך אריינגעלייגט ראשם ורובם זיך אומצוקוקן און נאכפרעגן ביי אנדערע, כדי צו זעהן וואס מ'דארף אלץ אריינלייגן אין דעם פלאץ. היות ס'איז א רעלאטיוו-קליינער הויף, האט מען געדארפט פרובירן אריינצולייגן דאס וויכטיגסטע און בעסטע אז ס'זאל זיין געאייגנט פאר'ן געברויך פון די טייערע נשמה'לעך.

די הנהלה פון שערי חמלה איז געפארן קיין לעיקוואוד צו באטראכטן אן ענליכן שפיל-הויף אין א דארטיגע אידישע סקול פאר ספעציעלע קינדער, ווי אויך איז מען געגאנגען צו "ארענדזש קאונטי פארקס" און אנדערע שפיל-פלעצער, צו נאשן פון זיי אינפארמאציע און איידיעס וואס צו בויען און וויאזוי צו בויען, וואס איז וויכטיג און וואס איז נישט, וואס האלט לאנג און וואס קאסט ביליג, און אזוי ווייטער.

זעלבסטפארשטענדליך אז ביי יעדן ריר האט מען געדארפט נעמען אין באטראכט אז דאס דארף נאכקומען די פעדעראלע זיכערהייט פארשריפטן און יעדע זאך דארף ווערן געטון לויט די רעגולאציעס פון די רעגירונג, וואס דאס האט נאכמער געהעכערט די קאסטן פון דעם פראיעקט.

ביים אויספלאנירן דעם שפיל-הויף האט מען געדארפט נעמען אין באטראכט צוצושטעלן באזונדערע אונטערהאלטונגען פאר עלטערע קינדער און באזונדער פאר יונגערע קינדער, און אויך פארשידענע זאכן פון וואס די פארשידענארטיג-פיזיש-באגרעניצטע קינדער ה"י זאלן אויך קענען הנאה האבן, און ס'זאל קענען גענוצט ווערן פאר די מאקסימום טערעפי מעגליכקייטן.

מ'האט אויך זיכער געמאכט אויסצוקלויבן די שטערקסטע מאטעריאל אז ס'זאל בעז"ה זיין דויערהאפטיג און מ'זאל קענען געניסן דערפון פאר לאנגע יארן.

אויך האט מען אינעם פלאן צוגעלייגט בענק ארום דעם שפיל-הויף, אז די שטאב וואס קומען שפילן מיט די קינדער אדער די עלטערן וואס קומען באזוכן זייערע קינדער אין שפיל-הויף, זאלן האבן וואו זיך אראפצוזעצן און אפרוען.

נאכ'ן נעמען אין באטראכט אלע גרעסערע און קלענערע דעטאלן, האט מען אנגעהויבן אויסצושטעלן א פונקטליכן פלאן וויאזוי דער שפיל-הויף זאל אויסקוקן. ביי דעם שריט איז צוזאמגעשטעלט געווארן א קאמיטע פון איינגעשטעלטע פון יעדן אפטיילונג פונעם שערי חמלה, צב"ש אקיופעישענאל טעראפי, פיזיקעל טעראפי, עטליכע טיטשערס פון די אינגערע און פון די עלטערע קלאסן, און אינאיינעם איז מען געזיצן און דורכגעגאנגען די פלענער וואס מ'גייט אלץ צושטעלן אינעם שפיל-הויף.

די קאמיטע איז געזיצן אינאיינעם מיט'ן אינזשענירונג קאמפאני וואס איז אויפגענומען געווארן פאר דעם צוועק, וועלכע זענען גרונטליך דורכגעגאנגען אלע פרטים און אלעס פארשריבן פונקטליך, מיט אן אפשאצונג וויפיל דאס דארף קאסטן.

נאכ'ן אהערשטעלן א פיקס-פארטיגן פלאן וואס האט באטראפן דעם אסטראנאמישן ציפער פון אסאך מער פון 100,000$, האט מען אריינגעשיקט דעם גאנצן פלאן צו די דערמאנטע ארגאניזאציע. די פירער פונעם ארגאניזאציע וואס ווי דערמאנט זענען זיי אויסערגעווענליך באאיינדרוקט געווארן פונעם שערי חמלה, האבן באשלאסן דאסמאל ארויסצוגיין פון זייער גדר און באצאלן דעם גאנצן סומע, וואס זעלטן וואס זיי צאלן אויס אזא גרויסע סומע פאר איין פראיעקט.

*

דער באשטעטיגונג איז געקומען ענדע פארגאנגענעם זומער תשע"א. די הנהלה האט דאן פאררופן א מיטינג מיט אלע עלטערן און מ'האט זיי פארגעלייגט די פונקטליכע פלענער, און די עלטערן האבן געקענט אויסקלויבן די קאלירן און אנדערע דעטאלן פונעם שפיל-הויף לויט זייער געשמאק.

דאן איז אונטערגעשריבן געווארן א קאנטראקט מיט די דערמאנטע קאמפאני, און אנהייב ווינטער פון תשע"ב האט זיך די ארבעט בעז"ה אנגעהויבן בשעטומ"צ.

די ערשטע שריט פון די ארבעט איז געווען אריינצוגראבן 4 פיס אין דער ערד און אינסטאלירן די שטארקע אייזנעס פאר די סווינגס, גליטשערס, און קריכערס וכדומה. צוביסלעך האט דער הויף אנגעהויבן צו באקומען א נייע צורה, און מיט יעדע וואך האט זיך די ארבעט געריקט פאראויס ב"ה.

מען האלט שוין חודש שבט און די ארבעט האט שוין אויסגעקוקט צו זיין פארטיג. די קינדער זענען יעדן טאג געשטאנען ביים פענסטער און צוגעקוקט מיט פרייד וויאזוי זייער לאנג-אויסגעבעטענע מתנה ווערט שוין ענדליך א פאקט, און זיי האבן קוים געווארט ווען מ'וועט שוין קענען

(פארזעצונג אויף זייט 14)

# נייער צייטווייליגער פּאַרקינג לאַט איינגערישט פאַר די איבער 50 סקול באָסעס

"גולה אחר גולה" זאָגט מען אויף די סקול באָסעס וואָס טראָגן טעגליך די טויזנטער קינדערלעך, יונגלעך תינוקות של בית רבן און מיידלעך, פון און צו די תלמודי תורה און בית רחל סקול געביידעס, וואָס די פלאָטע פון 50 באָסעס האָט זיך יעצט אַריבערגעצויגן צום דריטן פּאַרקינג אָרט, דאָס מאָל איז דאָס אויך אויף צייטווייליג.

די באָס פּאַרקינג לאַט איז אויף צייטווייליג אַריבערגעפירט געוואָרן צום ליידיגן שטח נעבן דעם בית החיים אויף סקאָנעמאָנק ראָוד.

רעדנדיג מיט'ן באַגאַבטן איבערגעגעבענעם אָנפירער פונעם טראַנספּאָרטאַציע דעפּאַרטמענט, הר"ר שמואל ראָטענבערג הי"ו, האָט ער אונז ממתיק סוד געווען אַז דער איצטיגער אָרט איז אויך אויף צייטווייליג, עס איז נישט פּאַסיג, וואָרום עס האָט נישט קיין פלאַץ פאַר אַלע באָסעס.

מען האָפט ביז מאָנאַטן זיך אַריבערצוציען צו אַ פערמאַנענטע סטאַנציע, אַ מקום רחבת ידים, וואו מען וועט האָבן גענוג פלאַץ צו פּאַרקן אַלע באָסעס מיט אַלע צוגעהערן, און קענען געהעריג זיך איינרישן אָן די פּיזור הנפש וואָס מען ליידט ווען די אַפּעראַציעס זענען צוזייט און צושפּרייט אויף מערערע ערטער.

די ערשטע סטאַנציע פון ווען קרית יואל האט געקויפט אייגענע סקול באָסעס איז געווען אויפ'ן שטח אויף בעיקערטאַון ראָוד וואו עס געפינט זיך יעצט די סקול דיסטריקט געביידע, נעמליך דער מוסד שערי חמלה. פון דאָרטן זענען די באָסעס געגאַנגען צום שטח אונטער'ן בית רחל געביידע. איצטערט האָט מען דאָרטן אָנגעהויבן די בוי אַרבעט צו בויען דעם הערליכן בית רחל "אודיטאָריום" געביידע, (זעה באַזונדערע נייעס), און דערפאַר זענען די באָסעס געצווינגען געוואָרן זיך צו זוכן אַן אַנדערן אָרט.

היות דער אָרט איז נאָר צייטווייליג האָט מען נישט אינסטאָלירט די נויטיגע איינריכטונגען וואָס מען האָט געהאַט ביז איצט, נעמליך דער 2,500 גאַלאָנדיגן דיזעל ברענשטאָף טאַנק, און די עלעקטערישע ווייערס צו האַלטן וואַרעם די מאָטאָרן פון די באָסעס (דאָס נוצט מען נאָר ווינטער), און אויך נישט די קליינע אויפהאַלטונג אַפּעראַציע צו קענען טוישן ווייפערס און לעקטערס און טאָן מינדערוויכטיגע אויפהאַלטונג אַרבעט, דאָס אַלעס וועט ערשט צושטאַנד קומען אינעם פערמאַנענטן פּאַרקינג סטאַנציע.

די באָס טראַנספּאָרטאַציע דעפּאַרטמענט איז אַזוי באַשיידן אַז מענטשן באַגרייפן נישט די ריזיגע אַפּעראַציע וואָס קומט פאָר טאָג טעגליך, אין וועלכע די נאָנט צו 50 באָסעס טראָגן און ברענגען די טויזנטער קינדערלעך כ"י פון און צו די איבער 10 תלמוד תורה און בית רחל געביידעס, וואָס דערביי פירן די באָסעס דורך נאָנט צו 230 טריפּס טעגליך.

ויסעו ויחנו.

VILLAGE OF KIRYAS JOEL
Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

Mayor
Abraham Wieder

Administrator-Clerk
Gedalye Szegedin

Trustees
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

## אקטועלע מעלדונג

במשך די זומער חדשים
וועלן אונזערע אפיסעס זיין
אפן יעדן פרייטאג
ביז 1:00

מיט דאנק
דער ווילידזש

נ.ב. די וואס האבן באשטימט אן אפוינטמענט מיטן מעיאר, זאלן ביטע ערשיינען צייטליך כדי נישט אויפצוהאלטן אנדערע וועלכע ווארטן אויך פאר זייערע באשטימטע מיטינגען מיטן מעיאר.

גמ"ח הצלה אפעלירט צו אייך:
פארט איר
סיי ווען, סיי וואו,
און איר האט פלאץ?
ביטע רופט:
845-782-5376

# גרויס שמחה פאר תלמידים פון "שערי חמלה" מיט נייעם הערליכן "טעראפיוטיקעל פלעיגראונד "

(פארזעצונג פון זייט 13)

אנהייבן זיך צו באנוצן מיט זייער נייע "חנוכה מתנה", זייער אייגענער "שפיל-הויף".

אבער דא איז אונטערגעקומען א שטיקל אפהאלט. צוליב די פעדעראלע זיכערהייט פארשריפטן דארף די ערד אינעם שפיל-הויף זיין א ספעציעלע ווייכע ערד פאר'ן זיכערהייט פון די קינדער, אבער כדי צו קענען לייגן די ספעציעלע ערד דארף זיין גאר א ווארימע וועטער. האט מען בלית ברירה געמוזט צוווארטן עטליכע חדשים ווילאנג ס'וועט קומען א וועטער וואס איז גענוג ווארים צו קענען ענדיגן דעם שפיל-הויף.

אלעס איז געשטאנען גרייט און אלעס האט געווארט אויף דעם ווארימען טאג. ווי נאר ס'האט זיך אנגערוקט דער ערשטער ווארימער טאג, איז שוין די קאמפאני געשטאנען גרייט און גלייך געגאסן די ספעציעלע זאמד, דאס איבערגעדעקט מיט שיינע גרינע גראז, און מיט דעם איז דער שפיל-הויף פארענדיגט געווארן בשעה טובה ומוצלחת, צום אומגעהויערן פרייד פון די טייערע קינדערלעך שיחיו.

אין די יעצטיגע טעג איז דער שפיל-הויף שוין אריינגעגאנגען אין פולן באנוץ, און די קינדערלעך טאנצן און שפרינגען שוין און מאכן זייערע נויטיגע טעראפי מיט פרישע מעגליכקייטן, זייענדיג אין זיבעטן הימל פאר גרויס שמחה.

די הנהלה פון סקול דיסטריקט און שערי חמלה איז צופרידן אז מ'האט ב"ה געקענט שאפן די נויטיגע פאנדן און צושטעלן דעם געברויך און פארלאנג פון די קינדער, און אין די זעלבע צייט נישט צוצולייגן איבריגע ציפערן אויף די סקול טעקסעס.



# א בליק איבער די אקטיוויטעטן חודש אייר אין היילינגן מוסד שערי חמלה

**א הערליכע הדלקה איז געפראוועט געווארן אין שערי חמלה וואו די קינדערלעך האבן זיך געפרייט מיט'ן גרויסן טאג ל"ג בעומר**



הרה"ח ר' משה יוסף הארטמאן הי"ו לאנגיעריגער אדמיניסטראטאר מכובד אנצוצינדן די הדלקה



די גרופע מזמרים מיט כלי זמר זענען מהנה בשירה וזמרה



דערנאך איז פארגעקומען א שיינע סעודה לכבוד ל"ג בעומר



דער פרינציפעל מו"ה יודא לייביש האלפערין הי"ו איז מהנה מיט כלי זמר



א תלמיד פון שערי חמלה מיט זיין אייגענעם מוזיק אינסטרומענט



דער מנהל הרה"ח ר' חיים ידידי' פישער שליט"א פארציילט די מעשה פון ל"ג בעומר

# א בליק איבער די אקטיוויטעטן חודש ניסן אין היילינגן מוסד שערי חמלה

**אום חודש ניסן זענען די תלמידים פון שערי חמלה געפארן מאכן א ברכה אויף די פירות ביימער**



די בחורים און קינדער מאכן די ברכה מיט גרויס כוונה



מען כאפט א לעבעדיגע רקידה'לע ארום דעם בוים



די בחורימ'לעך זינגען ווארימע ניגונים צו דעם געלעגנהייט



די קינדערלעך הערן זיך צו צו די שיינע ערקלערונגען

**אריינטרעטנדיג אין דעם זומער האבן די קינדערלעך אין שערי חמלה איינגעפלאנצט פארשידענע גרינצייג אין הויף פון סקול**



די קינדערלעך אקערן מיט גרויס פלייס



מען פלאנצט אן די גרינצייג

# א בליק איבער די אקטיוויטעטן חודש סיון אין הייליגן מוסד שערי חמלה

**אין די טעג בעפאר דעם יו"ט שבועות האבן די קינדערלעך אין שערי חמלה אריינגעלייגט אן עבודה מיט פלאנצן שיינע בלומען**



די קינדער קומען אן צו א גרויסן בלומען געשעפט



מען קלויבט אויס גאר שיינע בלומען פלענטס



מען קויפט אויך זעק מיט זאמד צום פלאנצן




מען פלאנצט אן בלומען אין הויף פון סקול



די קינדער האבן אויך איינגעפלאנצט בלומען פארנט פון
די סקול געביידע אין פארעם פון דעם סקול דיסטריקט סימבאל



אויך פאפירענע בלומען האט מען געמאכט צווישן
די געוועהנליכע ארטס און קרעפטס אקטיוויטעטן

# פארגאנגענעם ערב פסח

**די סכנה'דיגע אומפאראנטווארטליכע "שריפת חמץ" פייערן וואס פלעגט אנגעצינדן ווערן ביז היי-יאר תשע"ב און האט געברענגט שרעקליכע סכנות און עטליכע ערנסטע אינצידענטן - די מצילי אש וועט אי"ה קומענדיגן ערב פסח תשע"ג הבעל"ט צושטעלן צענטראלע פייערן ביי אלע עקן פון שטאט כדי צו פארמיידן סכנת נפשות פון פריוואטע פייערן**



א אומקאנטראלירבארע פייער בלאקירט דעם ראוד טראפיק אין דעם פארנומענעם ערב פסח



א פייער איז פלאצירט געווארן נישט ערגעץ אנדערש ווי אויף דעם סיידוואק נישט איבערלאזנדיג פאר די פיסגייער וואו זיך צו ווענדן



א שריפת חמץ פייער אויף א קאנסטראקשן ארט שטעלט אין געפאר עטליכע געביידעס



נאך א פייער ארויס פון קאנטראל



א רעדל שטייט גרייט פאר די קליינוואַרג...



אה, דער קינד האט שוין אריינגעווארפן דאס רעדל!

# בוי-ארבעט אויף גיגאנטישן "צל תומר" אודיטאריום געביידע גייט אריין אין פולן קראפט



דער שטח אויסגעליידיגט און גלייך געמאכט גרייט אנצוהייבן די בוי ארבעט פונעם אוידאטאריום געביידע

(פארזעצונג פון זייט 1)

די גרויסע סוער פייפס צו אן אנדערן ארט אז זיי זאלן נישט שטערן די בוי-ארבעט פונעם אודיטאריום.

ענדליך נאך אלע נויטיגע הכנות און באשטעטיגונגען האט מען זיך געקענט נעמען צו די פאקטישע ארבעט בס"ד, און במשך עטליכע וואכן איז אנגעגאנגען דער פראיעקט פון אוועקרוקן די פייפס.

אצינד ווען די ארבעט איז ב"ה פארטיג געווארן, האט מען זיך געקענט נעמען צו די ריכטיגע עבודה, אויסצוגראדן און צוגרייטן דעם שטח צו קענען אנהייבן מיט די פאקטישע בוי-ארבעט, וואס ווערט יעצט פארגעזעצט, מיט'ן פולסטן קראפט.

*

דער בנין הגדול ווערט געבויעט דורך די בארימטע לעדיס אוקזילערי פון די הייליגע מוסדות, אנגעפירט דורך הרבנית הצדיקת תליט"א. שוין פילע יארן וואס די חשוב'ע רביצין תליט"א פירט אן דאהי אין קרית יואל די לעדיס אוקזילערי, אריינברענגענדיג גרויסע סכומים פאר די הייליגע מוסדות, סיי דורך די באזאאר וועלכע איז ארויפגעארבעט געווארן אויפן העכסטן ניווא, זייענדיג א בליענדע פאפולערע געשעפט וואו מען קען באקומען פון אלעם דאס בעסטע פאר די ביליגסטע פרייזן, און אזוי אויך מיט די יערליכע פארטיס, און די בלומען פאר דעם יו"ט שבועות, און נאך.

מיט עטליכע יאר צוריק האט די חשוב'ע רביצין תליט"א צוגעזען אז עס איז נאך פאראן א חלל אינעם קאמפלעקס פון די בית רחל בנינים, נעמליך עס פעלט זיך אויס א געביידע פאר גרעסערע צוזאמענקונפטן און שפילן וואס וועט איבער'ן יאר שטארק באנוצט ווערן דורך די תלמידות פון בית רחל, וואס ביז היינט פלעגט מען שטענדיג דארפן ארויספארן און אפדינגען זאלן אין די ארומיגע סביבה, ווי מאנראו וואודבערי וכדומה, וואו עס האט אפגעקאסט גרעסערע געלטער און אסאך טירחא און קאפ-ווייטאג, אדער האט מען דאס אפגעראכטן אויף א קלענערן פארנעם אין די עס-זאלן פון בית רחל, צוליב מאנגל אין פלאץ.

דעריבער איז באשלאסן געווארן אז די הכנסות פון די לעדיס אוקזילערי וועט מען מקדיש זיין פאר דעם וויכטיגן צוועק, אויפצובויען הארט נעבן די עקזיסטירענדע בית רחל געביידעס א שפאגל נייע ריזן געביידע צו קענען ערפילן דעם נויטיגן געברויך, וואס קרית יואל האט נאך נישט פארמאגט ביז היינט.

אינעם נייעם גיגאנטישן געביידע, וועט מען קענען אי"ה אהערשטעלן אלע גרעסערע צוזאמענקונפטן און שפילן צווישן די אייגענע בית רחל ווענט, און מ'וועט דערמיט שפארן איבריגע אויסגאבן און עגמת נפש וואס האט געקאסט ביז היינט.

באזונדער וועט דאס דינען פאר א לאנטש רום פאר דעם דערנעבנדיגן בית רחל בנין מארקאוויטש, צו וועלכן די געביידע וועט זיין באהאפטן.

גלייכצייטיג וועט דער ריזן היכל הגדול צל תומר דינען בעז"ה, אלס בנין בנוי לתלפיות פאר אלע שמחות און גרעסערע כינוסים בחצרות קדשינו בצילא דמהימנותא פון כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק שליט"א, ווי אויך די יערליכע דינערס פאר די מוסדות הק', ווי אויך די אנדערע גרעסערע דינערס אין די שטאט.

תושבי קרית יואל קוקן ארויס אויפ'ן "בורא עולם בקנין השלם זה הבנין", כאשר זכינו אנצופאנגען מיט'ן מלאכת הבני', כן נזכה צו פארענדיגן דעם בנין ווי שנעלער אז ס'זאל קענען אריינגיין אין באנוץ בעז"ה.


# ועד העירוב

## שע"י הנהלת הקריה - קרית יואל יצ"ו

בפיקוח כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א והגאון הדומ"ץ שליט"א

# לידיעת הציבור

### ווילן מיר אויפמערקזאם מאכן דעם חשוב'ן ציבור אויף די פאלגענדע פונקטן:

- **דער ועד העירוב טראגט דעם אחריות נאר אויף דעם גרויסן עירוב וואס ווערט צוגעשטעלט דורך די הנהלת הקריה וואס נעמט ארום גאנץ קרית יואל, מיר נעמען נישט קיין אחריות אויף די כשרות פון די פריוואטע עירובין אויף פארשידענע ערטער ארום דעם שטעטל וואס ווערן באהאפטן צום גרויסן עירוב.**
- היות עס זענען דא פריוואטע עירובין וואס זענען מחובר צום גרויסן ערוב, און עס איז דא אידן וואס טראגן אויף דעם חשבון, דארף מען זייער נזהר זיין און יעדער איינער וואס וויל טראגן דערמיט איז אליין באחריות אז די כשרות פונעם פריוואטן עירוב ווערט כסדר איבערגעקוקט און אז עס איז אונטער איינעמס אחריות, ווייל בעבר האט שוין פאסירט אין געוויסע פעלער צב"ש אום ווינטער ביי א שווערן וועטער, אדער זומער ווען עס איז אנגעגאנגען בוי ארבעט און דער עירוב איז פסול געווארן, און פאר'ן אייגענטומער איז געווען שווער צו פאררעכטן זיין פריוואטן עירוב און ער האט זיך טאקע צוריקגעהאלטן פון טראגן אום שבת, אבער די אנדערע מענטשן וואס טראגן אויף זיין חשבון האבן נישט געוואוסט דערפון. (עס קען זיך אויך מאכן אויב יענער פארט אוועק אויף שבת און קוקט נישט איבער זיין עירוב).
- די אלע איינוואוינער וואס וואוינען ביי די גרעניצן פון דעם עירוב זאלן אכטונג געבן ווען זיי באגעגנען סיי וואספארא זאך ביים עירוב צוים וואס קען שטעלן אין א שאלה דעם כשרות פונעם עירוב, זאלן תיכף ומיד רופן דעם ועד העירוב אויפן נומער : 845-492-3261 (עס דארף באמערקט ווערן אז טראץ וואס די הנהלת הקרי' האט אריינגעלייגט אסאך געלט פאר א שטארקען צוים ארום די גאנצע שטאט וואס האלט זיך פאר לאנגע יארן בעז"ה, דאך קען זיך מאכן אז דער צוים זאל צוליב א סיבה ווערן צובראכן, דעריבער אויב באמערקט מען עפעס זאל מען דאס איינמעלדן פאר'ן ועד).
- **סיי וועלכע קאנסטראקשאן ארבייט עס ווערט אונטערגענומען בשכינות פונם עירוב צוים זאל מען תיכף ומיד איינמעלדן פאר'ן ועד העירוב, מען זאל נישט ווארטן ביז דער צוים ווערט שוין דורכגעבראכן, נאר מען זאל שוין מעלדן בשעת מען מאכט די בוי פלענער, אזוי אויך איז וויכטיג אז ווען דער עירוב צוים ווערט איבערגעבראכן זאל מען נישט ווארטן ביז סוף וואך איינצומעלדן דערוועגן נאר מען זאל גלייך רופן כדי מען זאל עס נאך קענען פאררעכטן אויף שבת.**

**ויה"ר אז בזכות שמירת שבת כהלכתו וועלן מיר זוכה זיין צו די גאולה שלימה בקרוב בב"א**

מיט שעצונג

**ועד העירוב**

KIRYAS JOEL UNION FREE SCHOOL DISTRICT

48 Bakertown Road Suite 401• Monroe, NY 10950 • (845) 782-2300 / Fax (845) 782-4176


# חשוב'ע איינוואוינער פון קרית יואל!

אזוי ווי מיר האבן לעצטנס אריינבאקומען עטליכע קאמפלעינטס
פון פארשידענע פעלער ווען דרייווערס זענען דורכגעפארן די סקול באסעס
ווען די רויטע לייטס זענען געווען אנגעצינדן.

**ווילן מיר נאכאמאל איפמעקזאם מאכן דעם חשוב'ן ציבור**

## אז דאס איז א שרעקליכע סכנה ה"י

אריבערפארן א סקול באס ווען די לייטס בלינקען איז אומלעגאל,
און מען קען פארלירן די לייסענס פארן פארלעצן דעם געזעץ.

**A new school year is beginning!**

**We are still receiving numerous complaints with respect to motorists who pass school buses when the school bus has their lights flashing. Passing school buses when the bus has flashing lights is dangerous and illegal!**

**מיט דאנק פאר אייער קאאפעראציע און פארשטענדעניש**

**די טראנספארטאציע דעפארטמענט**



# יציקת היסודות פאר פרישן בנין פון תלמוד תורה גייט אָן אין פולן שוואונג בשעטו"מ

**(פארזעצונג פון זייט 1)**

אויף א ספעציעלע נייע גאס אונטער'ן ביזנעס סענטער אויף בעיקערטאון ראוד, וואס איז ספעציעל דעזיגנירט געווארן דורך די הנהלת ועד הקריי'.

לויט'ן פלאן וועט אי"ה דער נייער בנין באשטיין פון פיר גרויסע שטאקן, וואס וועלן אנטהאלטן: 48 חדרים, 2 גרויסע בתי מדרשים, 3 גרויסע עס-זאלן. ווי אויך וועט אהערגעשטעלט ווערן אין דעם בנין דער צענטראלער בית התבשיל פון די מוסדות, וואס דאס אליין איז א מעכטיגע אפאראט פאר זיך, און דאס וועט אי"ה צוגערישט ווערן מיט אלע נויטיגע כלים אויפ'ן בעסטן פארנעם, פון וואנעט עס וועלן אי"ה ארויסגיין די טויזנטער פארציאנען עסן פאר אלע אפטיילונגען אין די מוסדות.

סך הכל וועט דער געביידע זיין אין די גרויסקייט פון 91,000 סקווער פיס, און ווערט געשאצט אריינצוציען אין אזויפיל ווי קרוב צו 10 מיליאן דאלאר.

דער נייער מולטי מיליאן דאלערדיגע פראיעקט איז שוין בליעה"ר די 13'טע רינגעלע אין די לאנגע קייט פון די הערליכע מבצרי החינוך בתוככי קרית יואל, וואס די געטרייע הנהלת המוסדות האבן גענומען אויף זיך, שטייענדיג בלויז א קורצע צייט נאכדעם וואס מ'האט הערשט מחנך געווען א פרישן בנין פאר'ן בית רחל, צו קענען נאכקומען דער גרויסער וואוקס אין די מוסדות בליעה"ר, ספעציפיש אצינד אין די בניני התלמוד תורה, וואו דער דחקות איז שוין עד אין לשער [ב"ה].

נעמענדיג אין באטראכט דער געוואלדיגער נויט-וויכטיגקייט פונעם נייעם בנין פאר'ן צוועק פון חינוך הבנים מתוך הרחבת הדעת, האבן די געטרייע הנהלת המוסדות אינאיינעם מיט'ן בארימטער בוי-מייסטער בונה ומקים בנינים מפוארים, הרה"ח ר' אברהם אביגדור חנוך הכהן ראזענבערג הי"ו און זיין שטאב, גענומען פאר א שטארקע פריאריטעט אז דער בנין זאל אהערגעשטעלט ווערן דאס שנעלסטע וואס מעגליך לויט די אומשטענדן, אבער אין די זעלבע צייט מיט א געוויכט אז דער בנין זאל אויפגעבויעט ווערן מיט די בעסטע און שטארקסטע קוואליטעט אין יעדן הינזיכט, ווי הרה"ח ר' אביגדור הי"ו האט זיך שוין אויסגעצייכנט און באקאנט געמאכט מיט די פילע הערליכע בנינים לתורה ולתפלה המתנוססים לתפארה!

ווי שטענדיג ביי אזעלכע פראיעקטן האבן זיך גענויטיגט פארשידנארטיגע לענגערע צוגרייטונגען לעגאל און טעכניש ביז מ'האט געקענט זעהן א טרעקטאר אויפ'ן באדן. במשך די פארגאנגענע חדשים זענען שוין אויך אנגעגאנגען די ערנסטע צוגרייטונג-פאזע אויסצורייניגן און אויסגלייכן דעם באדן, און אצינד ווערט שוין ב"ה געגאסן דער פונדאמענט פאר'ן בנין, וואס איז ווי פארשענדליך פון די לענגערע און וויכטיגע פראצעדורן פאר אזא גרויסן בנין.

די פריידיגע אנטוויקלונגען פון די נייע הרחבת גבולי הקדושה איז א פרישע באווייז אויף די זעלטענע סייעתא דשמיא וואס באגלייט ב"ה די מוסדות הקדושים בכוחו ובזכותו של אותו זקן מרן רבינו הקוה"ט זי"ע. עס רופט ארויס א געוואלדיגע שמחה און תענוג ביי אלע אנשי שלומינו והורי מוסדותינו הק' זעהנדיג ווי די גאלדענע קייט פון די מוסדות וואס זענען אויפגעשטעלט געווארן במסי"נ ובשארית כוחותיו פונעם הייליגן רבי'ן זי"ע, און איז אזוי ווייטער געפלעגט געווארן די אלע יארן בדמים תרתי משמע דורכ'ן רבי'ן אבינו רועינו מרן הגה"ק בעל ברך משה זי"ע, זעצט פאר ווייטער מיט אן אוסטערלישע סייעתא דשמיא און הצלחה תחת דגלו פון כ"ק מרן רבינו עטרת ראשינו שליט"א, ורוח הקודש אומרת כן ירבה וכן יפרוץ!

כי עתה הרחיב ה' לנו!

# פאָרזיכטיגקייט פאַרלאַנגט איבער קאַרבאָן-מאַנאַקסייד געפאַר נאָך ריינינגן דעם גאַז רענדזש

**(פארזעצונג פון זייט 8)**

אַ קאַרבאָן-מאַנאַקסייד אַלאַרם אָבער עס האָט נישט פונקציאָנירט ווייל די בעטעריס זענען געווען אויסגענוצט...

אָבער נאָך אַלץ איז נישט געווען אָנזעעבאַר פון וואו עס קומט די קאַרבאָן-מאַנאַקסייד, זוכנדיג איז מען אויפגעקומען דערויף, עס איז געקומען פונעם גאַז רענדזש.

וואס האָט פאַסירט? מען האָט דעם גאַז רענדזש גערייניגט אויף פסח נוצנדיג די רייניקונג כעמיקאַלן, דאָס האָט טיילווייז פאַרשטאָפּט די לעכלעך פון וואו די גאַז קומט אַרויס ביי די גאַז ברענערס אויפ'ן גאַז רענדזש, און ווען מען האָט גענוצט דעם גאַז רענדזש נאָך פסח האָט די פלאַם נישט גוט געברענט און עס האָט אַרויסגעגעבן קאַרבאָן-מאַנאַקסייד.

די לעקציע פון די געשיכטע איז: נאָכ'ן אָפּוואַשן דעם גאַז רענדזש מיט די רייניקונגס כעמיקאַלן דאַרף מען דאָס גוט איבערוואַשן מיט וואַסער, זיכער צו מאַכן אַז די גאַז לעכלעך זענען נישט בלאָקירט געוואָרן.

מען זאָל אויך טשעקן דעם פייער ביים גאַז רענדזש, אויב איז עס אַ געלע פלאַם איז דאָס אַ סימן אַז עס ברענט נישט ווי געהעריג און עס שאַפט זיך "קאַרבאָן מאַנאַקסייד".

נאָך וויכטיגער איז זיכער צו מאַכן אַז מען האָט קאַרבאָן-מאַנאַקסייד דעטעקטאָרס אויף יעדן שטאָק פון די היים, און זיכער מאַכן אַז די דעטעקטאָרס פונקציאָנירן, ווייל זייער אַסאַך מאָל געפינט מען אויס ביי קאַרבאָן-מאַנאַקסייד קאָלס - וואָס מאַכן אויס דעם גרעסטן פּראָצענט פון די מצילי אש קאָלס - אַז די קאַרבאָן-מאַנאַקסייד דעטעקטאָרס האָבן נישט געאַרבעט, צי ווייל דער מאַשין איז שוין געווען אויסגענוצט אָדער די בעטעריס זענען געווען אויסגענוצט.

דערפאַר דאַרף מען יערליך טוישן די בעטעריס, און צייטנווייז טעסטן די מאַשין דורך דרוקן דעם טעסטן קנעפּל, זיכער צו מאַכן אַז די קאַרבאָן-מאַנאַקסייד דעטעקטאָר אַרבעט ווי עס דאַרף צו זיין. געדענקט עס איז נישט קיין שפּיל, קאַרבאָן-מאַנאַקסייד איז אַ טויטליכער גאַז און עס הרג'עט מענטשן טעגליך.


# VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949

Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

**Mayor**
Abraham Wieder

**Administrator-Clerk**
Gedalye Szegedin

**Trustees**
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

**-פובליק ווארקס דעפארטמענט-**

## וויכטיגע בקשה לכבוד די זומער חדשים

- **מ'זאל שניידן און וואסערן די גראז ווען עס פארלאנגט זיך.** (אין פאל עס וועט זיך ח"ו מאכן א וואסער מאנגל אין די שפעטערע זומער חדשים וועט מען דאס לאזן וויסן פאר די איינוואוינער).
- מ'זאל וואסערן די אייגענע ביימער און אויך די ביימער וואס דער ווילידזש האט אינסטאלירט.
- **מ'זאל נישט לאזן קיין שום באלק זאכן אויף די פראפערטי.**
- עס איז נישט ערלויבט צו האלטן פארלאזטע קארס און טראקס אויף א פראפערטי
- **מ'זאל נישט פארקן אויפן ראוד ווייל עס איז א גרויסע סכנה.**

מיט דאנק

**די ווילידזש**

# VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220



**Mayor**
Abraham Wieder

**Administrator-Clerk**
Gedalye Szegedin

**Trustees**
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman


**- טעם זקנים פראגראם -**

# אכטונג!

**הויכגעשעצטע עלטערע איינוואוינער פון קרית יואל שיחי' עמו"ש;**

## דער זומער איז אין פולן שוואונג!

**עס איז א געשמאק ארויסצוגיין אביסל פון אינדערהיים**
**צו פארברענגען אין א געשמאקע אטמאספערע!**

# דער "טעם זקנים" פראגראם

**שטייט גרייט אייך צו באדינען**

אין די פראכטפולע זאלן פון

## "אשת חיל דקרית יואל-אהל חנה רחל"

## 7 Chevron Rd.

וואו עס ווערט ווייטער צוגעשטעלט געשמאקעווארימע מיטאג מאלצייטן יעדן טאג,
באגלייט מיט שיעורים, איבונגען און באשעפטיגונגען פאר די עלטערע איינוואוינער

**- טראנספארטאציע ווערט צוגעשטעלט אהין און צוריק -**

כדי מיר זאלן ווייטער קענען ממשיך זיין מיט דעם וויכטיגן סערוויס, איז וויכטיג אז די איינוואוינער פון 62 יאר און העכער וואס זענען שוין בארעכטיגט צו געניסן פון די פראגראמען, זאלן אויך קומען אנטייל נעמען אין דעם פראגראם און געניסן פון די געשמאקע אטמאספערע, וואס דאס וועט גלייכצייטיג זיין א טובה פאר די עלטערע איינוואוינער וואס זענען אנגעוויזן דערויף

**פאר רעגיסטראציע אדער מער אינפארמאציע קענט איר זיך פארבינדן מיט מרת שאלאמאן אויף:**

**845-492-3245**

מיט דאנק, **דער ווילידזש**

# מצילי אש ראַטעוועט אָפּ גאַנצע אַפּאַרטמענט געביידע פון אויפגיין אין פלאַמען

(פארזעצונג פון זייט 8)

אינצווישן האָט איינער פון די מצילי אש וואָלונטירן באַמערקט ווי אַ פלאַם דרינגט אַרויס פון דעם לאָך פון אַ לייט-פיקסטשור אין איינע פון די צימערן, ער האָט שנעל געכאַפּט אַ האַק און האָט אויפגעהאַקט דעם דאַך, אָבער האָט ווידער באַמערקט בלויז רויך, און נישט קיין פלאַמען.

עס איז קלאָר געווען אַז עפּעס טויג נישט, ער האָט געהייסן דעם קאָלעגע זיינעם "מאַכן אַ 360", דאָס מיינט אין פייערלעשער שפּראַך: "אַרומלויפן אַרום דעם סטרוקטור און כאַפּן אַ בליק וואָס טוט זיך". דער קאָלעגע האָט געפאָלגט און האָט אַזוי געטאָן און אַריבערלויפנדיג צום בעק פונעם דירה האָט מען געזען ווי עס ברענט, נישט קיין רויך און נישט קיין גערוך נאָר העפטיגע לעבעדיגע פלאַמען. די דירה האָט רח"ל געפלאַקערט.

אין די זעלבע צייט האָט מען שוין פון אינעווייניג געזען פלאַמען, אינצווישן זענען די מצילי אש טראָקס שוין געווען אויפ'ן אָרט מיט אַ גרויסע מחנה וואָלונטירן, מען האָט אַרויסגעשלעפּט די שלויכן און די כלי משחיתים, מען האָט אויפגעבראָכן די ווענט און זיך גענומען לעשן דעם פייער, אַן אַרבעט וואָס האָט זיך געצויגן אַ לענגערע צייט, ווייל מען האָט געדאַרפט זוכן מיט די קאַמעראַס און כסדר אויפרייסן מער און מער פונעם וואַנט און אויסלעשן די פלאַמען.

ווי עס שטעלט זיך אַרויס האָט זיך פאַר אַן אומבאַקאַנטע סיבה אַריינגעכאַפּט אַ פייער אינעם וואַנט, און עס האָט אָנגעהויבן פלאַקערן רח"ל.

וואָלט דאָס פּאַסירט אין די אַלטע צייטן, ווען קרית יואל איז געווען אָנגעוואָנדן אויף די מאַמבאַשאַ פייער פירמע, וואָלט אַזוינס זיך זיכער געענדיגט מיט אַ גאַנצע געביידע אָפּגעפלאַקערט און זעקס אַפּאַרטמענטס אַוועק מיט'ן רויך רח"ל.

ביי דעם פאַל איז בחסדי השם געלונגען אָפּצוראַטעווען די היימען און מינימיזירן די שאָדנס, די בעיסמענט היים איז טאַקע שטאַרק געשעדיגט געוואָרן און מוז רענאָווירט ווערן און איז יעצט נישט וואוינבאַר, אָבער די איבריגע היימען אינעם געביידע זענען נישט געשעדיגט געוואָרן.

היות עס איז געווען אַ סטרוקטור פייער האָט מען לויט'ן פּראָטאָקאָל געמוזט אַראָפּרופן דעם אָראַנדזש קאַונטי פייער אינספּעקטאָר צו מאַכן אַן אויספאָרשונג און שרייבן אַ רעפּאָרט.

עס האָט זיך ווידער אַרויסגעוויזן אַז דער באַשעפער האַלט זיין רעכטע האַנט אויף די הייליגע שטאָט קרית יואל און ראַטעוועט אירע איינוואוינער פון שאָדנס. הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל.

# פארשריט צו קענען צוריקשטעלן "גארבעדזש הייזער" אויף אוהעל, סטראפקוב, טעילאר און פילמאר גאסן

(פארזעצונג פון זייט 4)

פאפיר ארבעט וועט ווערן פארענדיגט און אריינגעגעבן פאר די סטעיט, קען דויערן א חודש אדער צוויי ביז זיי באשטעטיגן דאס, און ווי נאר זיי באשטעטיגן דאס קען מען גלייך בארגן געלט אויף דעם חשבון און אנהייבן מיט די ארבעט בשעטומ"צ, אויפשטעלנדיג די גארבעדזש הייזער צוביסלעך איינס נאכ'ן צווייטן.

גלייכצייטיג איז דא דאס פלאץ צו דערמאנען, אז ווען א פראפערטי אייגענטומער וויל עפעס בויען נעבן דעם סיידוואק, זאל מען מאכן זיכער אז דאס איז טאקע אויף די אייגענע פראפערטי און באלאנגט נישט פאר'ן ווילידזש, כדי צו פארמיידן אומזיסטע הוצאות און עגמת נפש אין פאל דער ווילידזש דארף דורכפירן סיי וואספארא רענאוואציע אויף יענעם שטח.

# פייער אין וואַנט פאַרלעשט זיך אַליינס בחסדי השם פאַרמיידנדיג היים-פייער

(פארזעצונג פון זייט 8)

נאָך שטאַרקע זוכונגען אינעם אויבערשטן אַפּאַרטמענט אויפ'ן דריטן שטאָק, דאָרטן אינעם צימער וואו עס האָט די מערסטע געשמעקט פון פייער, האָט מען זיך אַראָפּגעבויגן ביים סטיעם, און מען האָט באַמערקט אַז ביים לעכל - דאָרטן וואו עס דרינגט אַריין דער סטים פּייפּ אינעם פּאָדלאָגע אַריין - קומט אַרויס אַ שנירל רויך, און דאָרטן שמעקט די מערסטע פון פייער...

מען האָט זיך דאָס גענומען נאָכזוכן, און מען איז אַראָפּ צום אונטערשטן אַפּאַרטמענט טאַקע דאָרטן אונטער'ן אָרט, און מען האָט זיך גענומען אויפרייסן די וואַנט. מען האָט געשניטן נאָך אַן אינטש און נאָך אַן אינטש, און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַ מורא'דיגן בילד: "די פּאַפּיר פון די אינסולעישאָן איז געווען שוואַרץ פאַרברענט אויף אַ ריזיגן טייל פון די וואַנט"... מען האָט געדאַרפט אויפשניידן צען פוס פון די וואַנט ביז מען האָט געטראָפן דעם אָרט וואו די שריפה האָט זיך אָפּגעשטעלט און די אינסולעישאָן איז נישט געווען פאַרברענט.

ווי עס שיינט האָט דאָס פּאַסירט, ווען ביים בדיקת חמץ אונטערזוכן נעבן די סטיעם האָבן זיך פונקען אַריינגעכאַפּט אינעם לעכל פונעם סטעים פּייפּ, און די אינסולעישאָן אינעם וואַנט האָט זיך גענומען ברענען, עס האָט געהערשט דעם געפאַר אַז די גאַנצע דירה זאָל אויפגיין און פלאַמען, אָבער בחסדי השם האָט זיך דער פייער פון זיך אַליינס פאַרלאָשן בדרך נס, און מען איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון אַ גרויסע צרה. דאָס האָט געברענגט דעם פייער גערוך וואָס מען האָט געשפּירט שפּעטער ווען די פייער איז שוין געווען פאַרלאָשן.

טראָץ די פאַרנומענע נאַכט האָבן די מצילי אש וואָלונטירן פאַרברענגט אויפ'ן אָרט פאַר אַ שעה צייט, און האָבן אַלעס אונטערזוכט מיט אַ פּראָפעסיאָנאַליטעט, און האבן נישט פאַרלאָזט דעם אָרט ביז מען איז געווען זיכער אַז אַלעס איז זיכער און ווי עס דאַרף צו זיין.

# פלענער פון "סטאפ סיין" אויף עיקערס-לעמבערג

(פארזעצונג פון זייט 4)

אין די זעלבע צייט איז פארמערט געווארן די צאל קארס וואס קומען אראפ פון לעמבערג וואס ווילן זיך איינדרייען אויף עיקערס ראוד, אבער צוליב דעם רוישיגן ראוד דארפן זיי ווארטן א לאנגע צייט ביז דער ראוד ווערט גענצליך ליידיג צו קענען ארויספארן פון לעמבערג דרייוו, ובפרט ווען מ'וויל זיך דרייען אויף לינקס.

צוליב דעם איז מיט איבער א יאר צוריק דעבאטירט געווארן ביי א מיטינג פונעם ווילידזש באורד, אז פאר די זיכערהייט פון די איינוואוינער זאל מען אינסטאלירן א נייעם סטאפ סיין אויף עיקערס ראוד, ביים עפענונג פון לעמבערג דרייוו, וואס וועט אביסל אפשטעלן דאס געלויף פון די קארס, צו געבן די געלעגנהייט פאר די פיסגייער אריבערצוגיין די גאס און פאר די קארס ארויסצופארן אויף עיקערס ראוד.

אבער למעשה ווען מ'האט אנגעהויבן אויסצוארבעטן די טעכנישע דעטאלן פון דעם סטאפ סיין און מ'איז דורכגעאנגען די פלענער מיט די אינזשענירן, האבן די אינזשענירן אנגעמערקט אז דער סטאפ סיין וועט זיך נישט אויסארבעטן און מענטשן וועלן זיך נישט אפשטעלן דארט.

די סיבה דערצו איז, וויבאלד אויף עיקערס ראוד ביי די זייט פון לעמבערג איז דער ראוד זייער ברייט, עס פארמאגט אן עקסטערע לעין צו קענען נוצן אין די צוקונפט ווען מען וועט בעז"ה פארברייטערן די גאנצע עיקערס רד. (וואס ווערט יעצט גענוצט צו פארקן אדער צו געבן היטשעס), ממילא וואלט אויסגעקומען אז דער סטאפ סיין וואלט געווען אזוי אריינגערוקט אז רוב דרייווערס וואס קומען פון יענע זייט (ישראל זופניק אדער סאטמאר דרייוו) וועלן דאס בכלל נישט באמערקן און ווייטער אריבערפארן שנעלערהייט, וואס דאס קען נאכמער שטעלן אין א סכנה די פיסגייער און קארס פון לעמבערג וועלכע מיינען אז דער קאר פלאנט זיך אפצושטעלן ביים סטאפ סיין.

די אינזשענירן האבן אנגעוויזן אויף סטאטיסטיקס וואס איז גענומען געווארן ביי אנדערע ענליכע ראודס איבער'ן לאנד, וואס ווייזט אז רוב פון די דרייווערס באמערקן בכלל נישט דעם סטאפ סיין אויף אזא פלאץ צוליב דעם ברייטקייט פונעם ראוד, און זיי פארן דאס אדורך, און אפילו אויב מ'באמערקט דאס יא אין די לעצטע מינוט איז שוין צו שפעט זיך אפצושטעלן.

דערפאר האט מען געמוזט לייגן די פלענער פאר א "סטאפ סיין" אין א זייט, און אנשטאט דעם אונטערנעמען אנדערע פלענער, ווי צ.ב.ש. אראפצושטעלן דארט א "טראפיק ליכט" מיט א רויטן בלינקעדיגן ליכט וואס האט די זעלבע קראפט ווי א "סטאפ סיין".

די ווילידזש האט שוין אויפגענומען אינזשענירן צו שטודירן דעם פלאץ און זעהן פונקטליך וואו מ'זאל אראפשטעלן דעם טראפיק ליכט און וויפיל דאס דארף צו קאסטן, און לויט דעם וועט געמאכט ווערן דער ענדגילטיגער באשלוס.

ועד העירוב שע"י הנהלת הקריה- קרית יואל

בפיקוח כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א והגאון הדומ"ץ שליט"א

בס"ד

## ווּיכטיגע מעלדונג

מיר שפירן פאר א פליכט מודיע צו זיין פאר די חשוב'ע איינוואוינער פון די בעיקערטאון געגנט שיחי'

## אז דער "פארק און רייד"

## אויף בעיקערטאון ראוד

## איז נישט אין דעם עירוב

און עס איז אסור צו מטלטל זיין דערין אום שב"ק

וידע הציבור להזהר

ועד העירוב

נ.ב. דער ועד העירוב האט אינסטאלירט ספעציעלע טאוולען ארום די שטאט וואס מעלדן איבער די גרעניצן פונעם עירוב, ווען איר זעט אזא טאוול באדייט דאס אז איר געפינט זיך ביים עק פונעם עירוב.

VILLAGE OF KIRYAS JOEL
Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

**Mayor**
Abraham Wieder

**Administrator-Clerk**
Gedalye Szegedin

**Trustees**
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

- פובליק ווארקס דעפארטמענט -

# קלארשטעלונג!

אויף די אנפראגע פון פילע איינוואוינער, ווילן מיר קלארשטעלן

## אז די סערוויס פונעם ווילידזש אוועקצונעמען טויטע חיות פון די גאסן, איז בלויז פון פובליק ראודס און פראפערטיס

---

**אין פאל פון טויטע חיות אויף פריוואטע פראפערטיס, ווצב"ש: אויפ'ן שטח נעבן די הויז, דרייוועיס, גארבעדזש הייזער, פריוואטע גאסן, א.ד.ג.**

קענט איר רופן א לאקאלע **Animal Removal Specialist**

---

**פאר די ווילידזש סערוויס אויף פובליק ראודס און פובליק פראפערטיס, רופט:**

**783-8300 #1 - 3 - 1**

מיט דאנק, **די פובליק ווארקס דעפארטמענט**

VILLAGE OF KIRYAS JOEL
Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

**Mayor**
Abraham Wieder

**Administrator-Clerk**
Gedalye Szegedin

**Trustees**
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

- פובליק סעיפטי דעפארטמענט -

# זייט געווארנט!

מיר ווילן אויפמערקזאם מאכן אלע דרייווער, אז מ'זאל זיין געווארנט

## נישט איבערצולאזן ביינאכט אין די קאר, די שליסלעך פון די קאר

לעצטנס האבן מיר נאכגעהערט עטליכע פעלער, ווי עלעמענטן האבן אוועקגעפירט קארס דורכאוים די טונקעלע נאכט שעה'ן, נאכ'ן געפינען די שליסלן אינעווייניג אין די קאר, וואס דאס האט פאראורזאכט גרויס עגמת נפש פאר די באטרעפנדע!

מיט דאנק

**די פובליק סעיפטי דערפארטמענט**

# קיין טעקס העכערונג אין היי יאריגן ווילידזש בודזשעט

## יערליכער טעקס ביל ווערט ארויסגעשיקט - ווילידזש אפעלירט צו צאלן צייטליך כדי אויסצומיידן פענעלטיס

(פארזעצונג פון זייט 1)

אין שטייערן. צב"ש: צו באגלייטן און אויסשטאפירן דאס פארברייטערונג די לעבנס-וויכטיגע מצילי אש אגענטור; די נייע סערוויס פון קענען פראצעסירן מערידזש לייסענס דא אין קרית יואל; דער נאכאנאדער וואוקס קע"ה און דער קריטישער וואסער מאנגל האט געברענגט הוצאות פון דארפן ברענגען פרישע טראקס מיט וואסער עטליכע מאל במשך דעם יאר; פארריכטן קוועלער צו הייבן די וואסער קוואנטום; דער פאבליק סעיפטי פאטראל דעפארטמענט איז צוגעלייגט געווארן פרישע סטעף, און שבת סטעישן בודקעס נאכצוקומען די הרחבת גבולי הקדושה אין אלע עקן פון די שטאט; דער ווילידזש באס סערוויס איז פארברייטערט געווארן און דער ווילידזש האט גענומען פרישע הוצאות אויף זיך כדי נישט צו דארפן העכערן די פרייזן; און דאס איז אויסער די געוועגליכע אינפלאציע וואס ברענגט אז די קאסטן פון אנפירן מיט'ן ריזיגן אפאראט שטייגט פון יאר צו יאר, בפרט לעצטענס ווען די פרישע הוצאות זענען פיל מער פון די צוגעקומענע הכנסות פון נייע דעוואלאפטע פראפערטיס, וויבאלד פראצענטועל זענען ווייניג נייע פראפערטיס דעוועלאופט געווארן אין די לעצטע יאר צוויי.

באזונדער האט מען היי-יאר געהאט פארשידענע לעגאלע הוצאות וואס איז געפאלן ווי א פרישער עול אויפ'ן ווילידזש, באדראענדיג דעם גאנצן עקזיסטענץ פון די צוקונפט פון קרית יואל, וואס איז באזירט אויף די דריי הויפט יסודות פון זאונינג, וואסער, און סוער, וואס אויף יעדע פון די דריי האבן די אנטיסעמיטישע שכנים פון וואודבארי באזונדער געקעמפט צוליב'ן אור-אלטן זארג פון "פן ירבה", וואס דאס נעמט אריין די קלאגע קעגן די וואסער טענק אויף חברון (זעהט באזונדערע נייעס); די קלאגע קעגן דעם סוער אפמאך מיט די קאונטי (זעהט באזונדערע נייעס); די וואודבארי מעסטער פלען און זאונינג געזעצן וואס איז געצילט דאס אפשטעלן דעם וואוקס פון קרית יואל אויף הונדערטער עיקער אין אירע גרעניצן; וואס דאס אלעס האט אריינגעשלעפט אין לעגאלע קאסטן פון הונדערטער טויזנטער דאלארן.

אויך איז די ווילידזש אריינגעשלעפט געווארן אין א סכסוך צווישן א פראפערטי אייגענטומער נעבן דעם "פארק ענד רייד" קעגן אראנדזש קאונטי, נאכדעם וואס אויפן פארלאנג פון קרית יואל האט די קאונטי פארראכטן דעם סכנה'דיגן וועג וואס פירט אריין צו קרית יואל דורך בעיקערטאון ראוד, דורכ'ן פארקירעווען דעם "קאונטי רוט 105", און היות קרית יואל האט געבויעט דעם "פארק ענד רייד" אויפ'ן שטח ווי די קאונטי רוט 105 איז קודם געוועזן, זענען זיי געווארן א טייל פונעם אנקלאגע, וואס האט אפגעקאסט שווערע געלטער צו פארטיידיגן.

דערצו קומט נאך אויך, די קלאגע פון עטליכע מהרסים ומחריבים — ליידער מזרע ישראל - וועלכע האבן ר"ל געוואלט אז דער גאנצער קרית יואל ווילידזש זאל אויפגעלעזט ווערן און זאל פאלן אונטער'ן טאון אוו מאנראו, וואס דאס וואלט אויטאמאטיש באדייט אז מ'פאלט אונטער זייערע זאונינג געזעצן, זייערע וואסער מעגליכקייטן, זייערע סוער רעכטן, אא"וו. די קלאגע אליין האט געקאסט הונדערטער טויזנטער דאלאר צו באקעמפן דורך די בעסטע אדוואקאטן אין דעם הינזיכט בעז"ה, און עס איז נאך אלץ אפן אינעם קארט אוו אפיעלס (זעט באזונדערע נייעס).

*

טראץ די אלע פינאנציעלע שוועריגקייטן און ריזיגע אויסגאבן, איז די ווילידזש געזיצן מיט קאנסולטענטס וואס האבן לאנגע יארן עקספיריענס, וועלכע זענען דורכגעגאנגען יעדעס איינציגסטע אויסגאבע פון די ווילידזש און געקוקט וואו מ'קען שפארן געלט אן דעם וואס ס'זאל אפעקטירן די איינוואוינער, אלעס כדי צו פארזיכערן אז מ'זאל נישט דארפן העכערן די שטייערן פאר די קרית יואל'ער שטייער צאלאר.

אצינד איז געקומען די פריילינכע מעלדונג, אז ב"ה די ארבעט האט עושה פירות געווען, און מ'האט ווידעראמאל באוויזן צו בלייבן מיט די זעלבע סערוויסעס פאר די שטאט און דאך נישט דארפן העכערן די שטייערן.

אין די טעג ווערט ארויסגעשיקט דער נייער טעקס ביל, און די ווילידזש אפעלירט צום חשוב'ן ציבור צו צאלן צייטליך דעם טעקס ביל איידער דעם קומענדיגן יולי כדי צו פארמיידן באזונדערע פענעלטי צאלונגען.

והנחה למדינות עשה.

# הנהלת הקרי' נעמט אונטער פרישע שריט פאר עקזיסטענץ פון וואסער טענק אויף חברון

(פארזעצונג פון זייט 5)

נישט אנזעהן פונדערווייטנס, וואס די ווילידזש איז נאכגעקומען בסבר פנים, א.א.וו.

למעשה שוין נאכן אריינגיין אין באנוץ בשעה טובה, האט וואודבארי אריינגעגעבן א קלאגע קעגן דעם ווילידזש און דעם מוכר פונעם פראפערטי. די קלאגע איז אפיציעל באזירט אויף א געוויסן טעכנישן פראצעדור, מיט וואס זיי זוכן צו אנולירן דעם פארקויף פון די פראפערטי פארן ווילידזש אוו קרית יואל. אבער זייער עכטער, נישט-באהאלטענער, ציל איז צו שטערן דעם באנוץ פון די צוויי גיגאנטישע וואסער טאנקען וועלכע געפינען זיך אויפ'ן שפיץ בארג אויף די חברון גאס, און וואס אן זיי וועט גאנץ חברון; ראוונא; דער אשת חיל; און רוב טיילן פון עצי תמרים געגנט בלייבן אָן קיין וואסער, ווייל דער וואסער-דרוק וועט נישט ארויפגיין גענוג הויך אין די געגנט.

תלי"ת, האט דער ריכטער סלאָבאָד פארגאנגענעם יאר ארויסגעווארפן די קלאגע און געאורטיילט אז קרית יואל קען געהעריג נוצן די פראפערטי און די וואסער טאנקען דערויף.

אבער הרשעים כים נגרשו, און די וואודבארי ווילידזש איז געלאפן צום אפעלאט געריכט.

וואו געמאלדן שוין אין פאריגן הקריה האט פארגאנגענעם חוה"מ פסח געזאלט פארקומען א היירינג אינעם אפעלאט געריכט, אבער דאס איז אפגעשטופט געווארן אויף היינטיגן מיטוואך פ' נשא, ולמספרם מאי 30.

אויסער דעם עצם פראבלעם וואס מ'האט מיט די ווילידזש אוו וואודבארי איבער'ן לעגאליטעט פונעם שטח, האט זיך געשאפן נאך א פראבלעם, אז געוועגליך איז איינגעפירט אז איין מוניציפאליטעט בעט נישט קיין טעקס פון אן אנדערע מוניציפאליטעט וואס נוצט איר פראפערטי פאר א וואסער טאנק וכדומה. אבער אין אונזער פאל האט וואודבארי אנגעהויבן צו פארלאנגען טעקס אויף דעם פראפערטי, וואס דאס איז אנדערש ווי ס'איז איינגעפירט אין אנדערע געגנטער. דאס באטרעפט טויזנטער דאלאר אין שטייערן פאר דעם שטח זעלבסט, וואס וועט דארפן באצאלט ווערן דורך תושבי קרית יואל.

דערפאר האט די הנהלת הקרי' אינאיינעם מיטן אונער ר' יחזקאל בראך אנגעהויבן צו ארבעטן אויף נאך א פראנט, ארויסצונעמען דעם גאנצן שטח פון די ווילידזש אוו וואודבארי און עס צו אנעקסירן צום טאון אוו מאנראו, וואס דאס וועט שפארן אסאך געלט פאר די קרית יואל'ער שטייער צאלער. ווי אויך וועט דאס זיין אן אויפטוה, אז אין פאל דער אפעלאט דעוויזשאן וועט אורטיילן לטובת וואודבארי אז דער שטח איז אומלעגאל געטוישט געווארן, וועט עס שוין ממילא זיין אונטער די אויטאריטעט פון די טאון אוו מאנראו, מיט וועמען די הנהלת הקרי' האט ב"ה אנגעקניפט גאר גוטע באציאונגען במשך לאנגע יארן און זיי וועלן בעז"ה נישט שטערן דאס באנוץ פון די וואסער טענק פאר די קרית יואל איינוואוינער.


VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

**Mayor**
Abraham Wieder

**Administrator-Clerk**
Gedalye Szegedin

**Trustees**
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reizman

**-פובליק ווארקס דעפארטמענט-**

# בקשה ואזהרה!

אזוי ווי עס ווערן געהאנגען הונדערטער פלאקאטן אויף די גאסן, און עס לאזט איבער א געוואלדיגע שמוץ, וואס שטערט די ריינקייט און ארדענונג אין שטאט

**דעריבער מעלדן מיר אז עס איז נישט ערלויבט צו הענגען פלאקאטן אויף די גאסן, ספעציעל אויף סטאפ-סיינס אדער טרעפיק סיינס, אזוי אויך אויףביימער וואס ס'מאכט שאדענס**

**אלע פלאקאטן וואס וועלן געהאנגען ווערן אין די גאסן וועלן אראפגענומען ווערן אין דעם זעלבן טאג**

מיר בעטן די אלע וואס מאכן פארטיס, מסיבות, פארזאמלונגען אדער סעילס, זאלן ביטע צו קענטעניס נעמען!

מיט דאנק
**די פובליק ווארקס דעפארטמענט**

# KIRYAS JOEL UNION FREE SCHOOL DISTRICT

48 Bakertown Road Suite 401• Monroe, NY 10950 • (845) 782-2300 / Fax (845) 782-4176


## TRANSPORTATION DEPARTMENT

מיט גרויס פרייד מעלדן מיר פאר די חשוב'ע עלטערן שיחיו,
אז אין א פארזוך צו פארגרינגערן און פארבעסערן די קאמיוניקאציע סיסטעם
צווישן די עלטערן און די טראנספארטאציע דעפארטמענט,

האבן מיר איינגעשטעלט א

# קאמיוניקאציע ליין

**וואו איר קענט רופן במשך א גאנצן טאג איבער סיי וועלכע פראבלעם אדער קאמפלעינט**

**פאר סיי וועלכע טראנספארטאציע אנגעלעגנהייט רופט:**

# 782-2300 Ext. 123

**מיר האבן אויפגענומען א ספעציעלע דיספעטשאר וואס וועט אויפהייבן
